STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02637

BLUT SHVAYGT NIT

Leon Zolotokoff

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

„בלוט שווייגט ניט"

א מעשה פון יידישע צרות

„אין דער רעגיערונגס צייט פון אלכסנדר III.

.....פון.....

זקן גדול.

נאציאנאלע יידישע ביכער צענטראלע
National Yiddish Book Exchange

פרייז 10 סענט.

פערלאג פון

טעגליכען יידישען קוריער,

שיקאגא, איללי. 473 סויטה האלסטעד סטריט,

דרוקעריי פון „טעגליכען יידישען קוריער", 473 סויט האלסטעד סטריט.

„בלוט שווייגט ניט“

א מעשה פון יידישע צרות

אין דיא צייטען פון אלעקסאנדער דעם III.

פון זקן גדול

1.

דער מאָרד.

גאנץ ווארשא איז אויפגערעגט, און בעזאָנדערס שטארק איז דיא אויפרעגונג אין דיא יידישע גאסען. וואו מען זעהט נור צוויי מענשען צוזאמען, דארט הערט מען ריידען פון מאָרד, פון רויב, און פון השערות ווער דאס האט געקענט טהון, און צו ועט מען חאפען דעם רוצח.

דיא לייבע פון אהרון ראזינסקי, א רייכען יידישען מלוה פון ווארשא, איז געפונען געווארן עטליכע מייל הינטערן שטאדט אין א וועלדיל, מיט א טיעפען מעסערשטיך אין דער ברוסט און דער צושטאנד פון דער לייבע האט בעוויעזען קלאָר דאס ער איז ערמאָרדעט און בערויבט געוואָרן.

דאס איז געוועזען דיא אורזאכע פון דער אויפרעגונג וואס האט געהעררשט אין שטאדט. דער פאלל האט אויך געמאכט פיעל אויפזעהן אונטער דער הויבער כריסטליכער בעפעלקערונג פון ווארשא, נעמליך אונטער דיא „פריצים“, וועלכע האָבען זעהר אָפט מיט ראָזינסקי געהאנדעלט און האָבען ביי איהם געהאט זייערע וועכסלען. פון אידען איז שוין גאר ניטאָ צו ריידען, דען אין דער יידישער קהילה פון ווארשא איז ראָזינסקי געוועזען איינער פון דיא אנגעזעהענסטע בעלי בתים, און האט געפיהרט א פיינע ראָללע אין אללע „צרכי ציבור“, אין ענינים פון דער קהילה.

דיא נייעס האט זיך אזוי וויא א לויף־פייער אויסגעשפרייט איבער גאנץ ווארשא, און פון אללע געגענדען פון שטאדט אין

מען געלאָפען צו דעם פּלאַטץ וואו דיא לייבע איז געפונען געוואָרן—אונטער דיא ערשטע וואס זיינען אהין אנגעקומען איז געוועזען רחל, דיא פרוי פון דעם נהרג, און זיין טאָכטער מיריל, א מיידעל פון א יאהר 18, וועלכע האט געהאט א שם פאר איהר שעהנקייט.

אָבער וועהרענד דיא אונגליקליכע אלמנה האט אויסגעגאָסען איהר שמערץ אין שרייענדען יאמער, און דיא יונגע טאָכטער איז געשטאנען אין שטיללען טרויער, א בילד פון פערצווייפלונג און עלענד, איז עטוואס פארגעגאנגען ארום דער לייבע וועלכעס האט מעהרער אינטערעסירט דיא צוזאמענגעלאָפענע לייטע, אלס דיא טרעהרען פון דער מוטער מיט דער טאָכטער. דער סלעדאָוואטעל (אונטערזוכונגס־ריכטער) נאָוויקאָוו איז געשטאנען ביי דער לייבע אָנגעשפּארט אָן א בוים און שרייבענדיג אויף א פּאַפּיער א פּראָטאָקאָל. א ברעט אריבערגעלייגט אויף א פּאָאָר קלעטצער האט איהם געדיענט אלס שרייבטיש. ארום איהם זיינען געשטאנען: א דאָקטאָר, א פּריסטאוו, עטליכע פּאָליצייסקע און עטליכע בויערן פון דער אומגעגענד. דיזע לעצטערע האט דער סלעדאָוואטעל איצטער געהאלטען אין אויספּאָרשען.

— דוא ביסט דער ליעסניק (וואלדהיטער)? — האָט ער געפרעגט איינעם.

— יאָ, בארין.

— האָסטו געהערט לעצטע נאכט עטוואס וואס האט דיך אויפמערקזאם געמאכט, אדער האסטו עטוואס געזעהן?

— קיין זאך ניט, אויסער עפּעס א מאָדנעם געשריי, ארום 8 אוהר ביי נאכט. אָבער איך האב זיך געטראכט אז דאס איז געוויס א דאָמאָוואָי (וואלד־לין) אָדער א שד, ווייל איך ווייס אז ביי מיר אין וואלד זיינען דאָ אזעלכע חברה...

דער ליעסניק האט זיך איבערגעצלמ׳ט און איז ענטשוויגען געוואָרן, וועהרענד דער סלעדאָוואטעל און דיא פּאָליצייסקע האָבען געשמייכעלט.

וועהרענד עס האט דערביי געהאלטען איז געקומען צו פאהרען אין זיין קאָלאסקע גראף סאלטיקאָוו, א הויכער בעאמטער פון גענעראל־גובערנאטאָרס קאנצעלאריע, און האט איינגעראמט דעם סלעדאָוואטעל עטוואס אין אויער. דיזער האָט זיך געווענדעט צום פּריסטאוו און האָט געפרעגט:

— וואו איז אייער געפאנגענער?

— ער שטעהט אונטער בעוואכונג ניט וויט פון דאנען, אין הייזעל פון ליעסניק.

— בריינגט איהם אהער צו דער לייבע

—האט דער סלעדאָוואטעל געהייסען—מיר וועלען זעהן וויא ער וועט זיך בענעהמען אין דער געגענווארט פון זיין אָפּפער.

אַ געמורמעל האט זיך אריבערגעטראָגען דורך דעם הויפען פון דיא פערזאמעלטע און אויף יעדערענס געזיכט האט זיך בעוויעזען דער אויסדרוק פון דער געשפּאַנטעסטער ערוואַרטונג. אַפּילו דיא אלמנה פון דעם ערמאָרדעטען און מירעלע, דיא יונגע טאָכטער, האָבען אויפגעבליקט. דיא אויפזיכט צו זעהן דעם מערדער האט אויף יעדען איינציגען געווירקט וויא איין עלעקטרישער שטראָם. יעדערער האט געהאלטען זיינע אויגען אין דער ריכטונג, אין וועלכע דער פריסטאַוו איז אוועקגעגאנגען.

נאך פערלויף פון א פערטעל שטונדע, אין וועלכער דיא פערזאמעלטע ארום דיא לייכע האָבען זיך גרופּענווייז אונטערהאלטען וועגען דעם מאָרד און האבען ארויסגעזאָגט אללערליי השערות וועגען דיא פערזאָן פון דעם געמיינטען מערדער, האט זיך פון וויטען בעוויעזען א קליינע גרופּע פון 4 פערזאָן געהענדיג איינער הינטער דעם אנדערן, דאס איז געוועזען דער פריסטאַוו, 2 סאָלדאטען מיט ביקסען, און אינמיטען דער ארעסטאנט.

דער לעצטער איז געוועזען א יונגער מאן מיט א אידישען אינטעליגענטען געזיכט, מיט לאנגע האָר און א פיינעם בערדעל, און געקליידעט אייראָפּעאיש. ער איז געגאנגען צווישען דיא סאלדאטען מעכאַניש, מיט א תמ׳עוואטען בליק אין זיינע פערשלאָפענע אויגען, פונקט וויא ער וואלט ניט וויסען וואס דאָ טהוט זיך מיט איהם.

אלס דיזע גרופּע איז צוגעקומען נאָהנט גענוג, דאס מען האט געקענט אונטערשיידען דיא געזיכטסציגע פון דעם ארעסטאנט, האט מירעלע פלוצלונג אויפגעשריען ניט מיט איהר קול און איז געפאללען אין אָהנמאכט. איהר מוטער און א פּאָר אידען וואס זיינען געשטאנען דערביי האָבען זיך א ווארף געטהון זיא צו מינטערן. אבער אללע איבריגע האבען צוגעווענדעט זייער גאנצע אויפמערקזאמקייט דעם ארעסטאנט. דיעזער וויעדער איז אויפמערקזאם געווארען אויף דעם ווילדען אויסגעשריי פון מירעלע, און האט אהין געקעהרט זיין בליק. אויף זיין בלאַסען געזיכט האט זיך בעוויעזען דער אויסדרוק פון העכסטען ערשטוינען און פון שרעק, און אלס מען האט איהם צוגעפיהרט צו דער לייכע פון דעם ערמאָרדעטען און ער האט דערזעהן דאס געזיכט פון דער לייכע, האט ער אויפגעשריען פונקט וויא א שלאַנג וואלט איהם א ביס געטהון און האט אנגעהויבען צו ציטערן אין אלע גליעדער.

דער סלעדאָוואטעל און דיא אנדערע בעאמטע האָבען איהם אנגעקוקט מיט צופריעדענע מיענעס, פונקט וויא זיי וואלטען זאגען: אהא, דאָ האָבען מיר איהם איצטער!

דאנן האט זיך דער סלעדאָוואטעל געווענדעט צום געפאנגענעם:

— וויא איז דיין נאמען?

דער אנגערעדעטער איז געשטאנען האלטענדיג זיין זינלאָזען בליק ערגעץ־וואו ווייט אין דיא לופט אריין, און האט ניט געענטווערט אויף דיא פראגע, עס האט אויסגעוויזען אז ער האט דיא פראגע ניט פארשטאנען. ענדליך אבער האט איהם דער פריסטאוו אנגעכאפט ביים קארק און האט איהם צוטרייסעלט, און דער סלעדאוואטעל האט איבערגעחזר׳ט זיין פראגע. דער געפאנגענער האט אויפגעציטערט און האט געענטפערט:

— איך היים אלבערט פאלינסקי.

— וויא אלט?

— 26 יאהר.

— בעשעפטיגונג?

— סטודענט פון מעדיצין.

— ווייסטו ווער דיא לייבע איז?

— יא; אהרן ראָזינסקי.

— האסטו איהם געקענט?

— וויא לאנג?

— עטליכע יאהר.

— האסטו מיט איהם געהאַט וועלכע געלד־געשעפטען?

— ניין.

— וועלכע דענן?

— איך בין געוועזען א בעקאנטער פון דער פאמיליע.

— ווען האסטו געזעהן אהרן ראָזינסקי צום לעצטען מאָל?

— נעכטען פאר נאכט.

— וויא שפעט?

— ארום זעכס.

— האט איהר ביידע גערעדט?

— יא.

— וועגען וואס?

— וועגען פאמיליען אנגעלעגענהייטען.

— וויא זייט איהר זיך פאנאנדערגעגאנגען? פריינדליך?

דער געפאנגענער האט געשוויגען און אויף זיין געזיכט האט זיך אויסגעמאהלט דער אויסדרוק פון שרעק און צומישטקייט.

ווייטערע אויבערפלעכליכע פראגען האבען ארויסגעוויזען, דאס דער געפאנגענער האט געהאט בעגלייטעט אהרן ראָזינסקיין א שטיק אויסען שטאדט, דאָס גייענדיג האבען זיך ביידע געקריגט—וועלכעס האט געמאכט א בייזען איינדרוק אויף

אללע אנוועזענדע נענען דעם געפאנגענעם.
דער געפאנגענער האט בעהויפטעט מיט
אללע קרעפטען דאס ער האט זיך אומ־
געקעהרט מיט א מייל פאר דעם ארט וואו
ראזינסקי איז ערמארדעט געווארען, אבער
אויף דיעזע פערזיכערונג האט מען ניט פיעל
געוויכט געלייגט. דאס דער מארד איז ניט
בעגאנגען געווארן פון פראסטע רויבער האט
מען געזעהן דערפון, וואס דיא גאלדענע
אוהר וועלכע ראזינסקי האט ביי זיך גע־
טראגען איז ביי איהם געבליבען אין גאנ־
צען; געלד און פאפיערען האט מען ביי
איהם געפונען ווענינ, און אזוי וויא רחל
און מירעלע, דאס ווייב און דיא טאכטער
פון ערמארדעטען, האבען עדות געזאגט,
דאס ראזינסקי האט פארלאזען דאס הויז
מיט א היבשע סוממע געלד און פאפיערען,
האט מען דערפון געשלאסען אז דער מער־
דער האט זיי צוגענומען, אבער אלס גע־
שייטער מערדער האט ער ניט גענומען
אללעס און האט איבערגעלאזען אונבע־
דייטענדע זאכען ביי דער לייבע, כדי צו
פערדעקען דעם רויב. עס איז אויך פעסט־
געשטעלט געווארן, דאס ראזינסקי האט
פערלאזען זיין הויז אום צו געהן צום גראף
סאליטיקאוו, וועלכער האט געוואהנט אין
א ווילא אין יענער געגענד, און פלעגט
זעהר אפט בארגען געלד פון דעם אידען.
דער גראף סאלטיקאוו, וועלכער איז גע־
וועזען א הויכער בעאמטער, האט אויס־
געזאגט, אז ער האט דעם אידען נעכטען
ניט געזעהן און דאס ער האט איהם אויך
ניט ערווארטעט. באלד דארויף איז פא־
לינסקי אוועקגעפיהרט געווארן אין געפענג־
ניס, און יידישע חברה קדישא איז אונ־
טערגרקומען און האט זיך מתעסק געווען
מיט דער לייבע. מירעלע איז געפאללען אין
אהנמאכט און האט געמוזט אוועקגעפיהרט
ווערען נאך הויז אין א בעוואוסטלאזען צו־
שטאנד.

2.
דיא אינטריגע.

גראף סאלטיקאוו איז געזעסען אין
זיין שפייזע־צימער ביי א געגרייטען טיש׳ן
אבער ער האט ניט געגעסען.

נאך זיין אויסזעהן האט מען געקענט
שליעסען דאס ער האט געהאט צוגעבראכט
א שלאפלאזע נאכט. ער האט געהאלטען א
צייטונג אין האנד און געגענעצט. פון צייט
צו צייט פלעגט ער אנגיסען זיך א גלעזיל
קאניאק און אויסטרינקען און עטוואס צו־
בייסען, נאך א פערטעל שטינדע פון אזא
בעשעפטיגונג האט ער זיך אבגעשפארט
אן ווענטיל פון זיין שטוהל און האט זיך
פארטראכט. דאן האט ער אנגעהויבען צו
טראכטען במעט אויפען קול:

„דער טייפעל זאל נעהמען מיטיקאָוו און באָבראָווסקי, זיי האבען לעצטע נאכט ווידער אבגעוואונען פון מיר א שטיק מיט געלד. נאך גוט וואס דעם זשיד׳ס 20 טויזענד רובעל זיינען אזוי געלעגען געקור־ מען צו דער האנד, אז ניט וואלט איך גאר אין גאנצען געוועזען קאפוט! איצטער בין איך מינדעסטענס זיכער אז דער פערפלוכ־ טער זשיד וועט מיר ניט געהן נאך מיין זשאלאָוואַניע אדער נאך מיין אימעניע. האָפענטליך וועט אללעס אבלויפען גליק־ ליך, און דער זשיד וועט געהן קאטאָרגע.„

דאָ האט סאלטיקאָוו דערהערט א קלאפ ביי זיך אין טיהר, און האט אויפ־ געציטערט. אלס ער האט געזעהן אריינ־ קומענדיג צו זיך זיין דיענער, האט ער צו זיך אלליין געזאגט: „נא, וויא נערוועז איך בין; איך מוז זעהן עטוואס צו טהון פיר מיינע נערוועז.“

— וויא שפעט איז עס מאטווי? — האט ער געפרעגט זיין דיענער.

— צוויי אוהר, בארין—האט יענער גע־ ענטפערט—הערר נאָוויקאָף ווארט אין פאר־ דערצימער.

— הערר נאָוויקאָף? בעט איהם אריין, בעט איהם אריין—האט סאלטיקאָוו האס־ טיג בעפאהלען.

דער סליעדאָוואטעל איז אריינגעקו־ מען, און נאך אייניגע העפליכע פראגען פון ביידע זייטען האט סאלטיקאָוו גע־ פרעגט:

— וויא געהט עס ביי אייך אין דער אונטערזוכונג פון דעם מאָרד פון ראָזינ־ סקי.

— ביז היינט האב איך נאך קיין נייעס ענטדעקט.

— ניט מעהר וויא פריהער!? עס איז שוין באלד א מאָנאט אוועק, גלויב איך, צייט דער מאָרד איז ענטדעקט געווארן.

— יא, היינט איז א מאָנאט. גראף. אָבער דער זשיד וועט געהן אין קאטאָרגע סיי־וויא־סיי.

— ווירקליך?—גראף סאלטיקאָוו האט אלליין ניט געמערקט מיט וועלכער האסט ער האט געשטעלט דיא פראגע.

— יא—האט נאָוויקאָוו געענטווערט און האט געווארפען א דורכדרינגענדען בליק אויף סאָלטיקאָוו—אָבער דעננאך האט דער זשיד עטליכע פונקטען צו זיין פערטהיידי־ גונג.

— וועלכע צום ביישפיעל?

— ער וויזט, אז ער האט בעגלייט ראָ־ זינסקי׳ן הינטערן שטאָדט נור ביז זעכס אוהר אבענדס, און האט זיך דאן אומגע־ קעהרט, וועהרענד פון דיא אויסזאגען פון ליעסניק און דיא אנדערע, זיינען געהערט

געוואָרן דיא געשרייען פון ערמאָרדעטען א פּאָאַר שטונדען שפּעטער.

— דער זשיד זאגט געוויס ליגען—האט סאָלטיקאָוו האַסטיג בעמערקט.

— אָבער א פּראָפעסאָר און פיעלע סטודענטען זאגען עדות, דאס אום 7 אוהר איז פּאָלינסקי געוועזען אין סעציר־צימער (וואו מען פּאָלמעסט) פון אוניווערזיטעט.

סאָלטיקאָוו איז געוואָרן עטוואס נערווען, האט זיך אבער באלד ווידער בעהערשט און האט געזאָגט כלומרש׳ט גאנץ רוהיג:

— דאן האבען דיא מוז שיקעס א טעות אלס זיי האָבען געהערט דיא געשרייען זיינען זיי געוועזען וואהרשיינליך צו פיעל דערשראָקען דורך זייער אבערגלויבען, און עס איז אנצונעהמען, אז זיי האבען ניט געוואוסט בעשטימט דיא צייט.

נאָוויקאָוו האט ניט אראָבגעלאָזען קיין אויג פון גראף סאָלטיקאָוו אין דער צייט וואס ער האט דאָס געזאגט, און האט דאן בעמערקט כלומרש׳ט גאנץ בתמימות:

— עס זיינען אויך געפונען געוואָרן זעבליבע בעווייזע (וועשצעסטווענניא דאָקאַזאטעלסטווא) אנטקעגען זשיד.

גראף סאָלטיקאָוו האט געמאַכט א פּנים פון איינעם וואס איז איבעררראשט:

— אזוי? אזוי? דאן האט איהר דאָך אייער חברה־מאַנן גאנץ בעשטיממט! וואס פאר א בעווייזע זיינען דאָס?

— א גרויסער טאשענמעסער מיט בלוט־פלעקען, מיט א קלינג וואס פּאַסט זיך אקוראט אין דער וואונד פון דעם ערמאָרדעטען, איז געפונען געוואָרען מיט איניגע טעג צוריק ניט ווייט פון דעם פּלאַטץ וואו דער מאָרד איז בעגאַנגען געוואָרן.

— נו, האט איהר וועלכע בעווייזע וואס פיהרען דעם מעסער צו אייער געפאנגענעם?

—האט סאָלטיקאָוו געפרעגט עטוואס פארזיכטיג.

— געוויס, געוויס! דער געפאנגענער אליין האט זיך מודה געווען אז דאס איז זיין מעסער.

— נו, און...

— נור ער האט דעם מעסער פערלאָרען מיט א מאָנאט צוריק ביי א סטודענטען־פערזאמלונג אין א רעסטאָראַן ניט ווייט פון אוניווערזיטעט, וואו ער האט דאס מעסער געברויכט צו אזעלבע אונשולדיגע זאכען וויא שניידען ברויט און קעז ביי א קליינעם ארימען באנקעט וואס דאָרטען איז געגעבען געוואָרן.

— זשיד ווריאָט! (דער איד זאגט ליי־גען) האט דער גראף אויסגערופען עטוואס האסטיגער אלס ער האט פיעללייכט גע־

וואלט, דען ער האט פלוצלינג געענדערט זיין שטימע, און האט געפרעגט אין א גאנץ מילדען טאָן: „נו, און איהר גלויבט עס איהם?“

— גלויבען? איך גלויב איבערהויפט ניט קיין ארעסטאנט. נור וואס דיא בע־ווייזע און דיא פאקטען ווייזען מיר קלאָר, דאס גלויב איך.

סאלטיקאָוו האט ד׳ערשפירט אין דעם ענטפער עטוואס עהנליכעס צו א בייזען אָנצוהערינס, און האט געווארפען א דורכ־דרינגענדען בליק אויף נאָוויקאָף. דיעזער האט עמפפאנגען דעם בליק קאלט און רוהיג, פונקט וויא ער איז קיין זאך ניט אויסען געוועזען מיט זיינע ווערטער, און האט באלד ארויפגעפיהרט דעם געשפרעך אויף אנדערע זאכען.

דער טאָן פון נאָוויקאָווס רייד איז דעם גראף ניט געפעלען געוואָרן. איהם האט אויסגעוויזען אז דער סלעדאָוואטעל האט א שטארקען חשד און מאכט זיך בלומרשט תמ׳עוואטע. גראף סאלטיקאָוו האט חס ושלום ניט געשפירט קיין חרטה, אבער ער האט זיך אליין ניט געקענט דערקלערען פאר וואס ער האט אָנגעהויבען צו ווערין נער־וועז. זיין אויפגערעגטער צושטאנד איז שוין זאגאר אין דיא לעצטע פאָר וואָכען בע־מערקט געוואָרן פון זיינע פריינדע, וועלכע האבען אלע מאָל בעהויפטעט דאס דער אשמדאי אליין וועט איהם ניט מאכען ציטטערן.

דער גראף האט געפיהרט א שטירמי־שעס און זאָרגלאָזעס לעבען. אלס גאנץ יונגער מאנן איז ער געוועזען אין דער ארמעע און האט געקעמפפט אונטער גענעראל קויפ־מאן אין קאווקאז. ער האט זיך שנעל ער־וואָרבען א נאמען פאר זיין מוטה און אָט־וואזשנעקייט. דריי זאכען האבען זיינע בע־קאנטע פון איהם געזאגט: דאס ער ווייס ניט וואס מורא איז, דאס אין זיין צאָרען האט א מענשענלעבען קיין ווערטה, און דאס אין זיין ליידענשאפט איז קיין פרויא פון איהם ניט זיכער.

נאך זיין פאטערס טוידט האט ער גע־ירש׳ט א אימיעניע ניט וויט פון ווארשאָ. דאס איז געוועזען איין גוט פון א פארשיקטען פוילישען גוטס-בעזיטצער און דער אלטער סאלטיקאָוו האט עס ערהאלטען אלס מתנה פון קייזער ניקאָלאי, פאר זיינע טהייל־נאמע אין דער אונטערדריקונג פון דעם פוילישען מיאטעזש פון 1831. דער נאמען סאָלטי־קאָוו ווערט נאך היינט דערמאָהנט בייא דיא פאָליאקען מיט שרעק און מיט פלוך פאר זיין גרויזאמקייט און בלוטדורשטינקייט.

דער יונגער גראף ניקאָלאי סאלטיקאָוו האט זיך בעזעצט נאך זיין פאטערס טויט

אין ווארשאָ, און האט אנגעהויבען צו פיהרען איין אויסגעלאסענעם און א לוסטיגעס לעבען. אבער זיין ירושה האט אנגעהויבען קלענער צו ווערין, זיין אימיעניע האט אָנגעהויבען צו זינקען אין חובות, ביז עס איז געקומען דיא צייט דאס סאלטיקאוו איז געווען אין גרויסער געלד־פערלעגענהייט.

אבער גראף סאלטיקאוו האט געהאט פריינדע אין פעטערסבורג וועלכע האבען זיך פאר איהם פערווענדעט, און ער האט געקראָגען איין אמט אין דער קאנצעלאריע פון גענעראל־גובערנאטאָר פון ווארשאָ,— איין אמט וואס איז געווען אין פערבינדונג מיט דער אבטהיילונג פון דער געהיים־פאָליציי. דיזעס אמט האט איהם געגעבען א שיינעם געהאלט און אויך א גרויסען אמט.

נאר סאלטיקאָוו האט זיך אין זיינע געוואוינהייטען ניט איינגעשרענקט. ער האט געלעבט אין דערזעלביגער אויסגעלאסענהייט און מיט דערזעלביגער פערשווענדעריי, און עס איז אזוי וויט געקומען, דאס ער האט אָנגעריהרט געלדער וואס זיינען איהם אָנגעטרויט געוואָרן אין זיין אמט. אלס עס איז אבער געקומען נעהענטער דיא צייט ווען א רעוויזיע האט געדארפט אונטערזוכען זיינע ביכער און זיין קאסע, האט סאלטיקאָוו אָנגעהויבען צו ווערין אונרוהיג. אין דער מורא פאר א זיכערן אונטערגאנג האט ער זיך געווענדעט צו אהרן ראָיינסקי, דעם יידישען מלוה, נאך איין הלואה פון צוואנציג טויזענד רובעל.

אהרן ראָזינסקי האט שוין פריהער געהאט אויסגעהאָלפען דעם גראף פון צייט צו צייט מיט קלענערע סומען אויף זיינע וועכסלען אלס זיכערהייט, און האט מיט מעהר אדער ווייניגער שוויריגקייט אימער ערהאלטען זיין געלד צוריק. אבער 20 טויזענד רוביל איז פיר ראָזינסקי געווען א צו גרויסע סומע, צו געטרויען דעם גראף אויף זיין וואָרט אדער אויף זיין וועכסעל. ער האט פערלאנגט זיכערהייט, גוטע זיכערהייט. סאלטיקאָוו האט פאָרגעשלאגען ראָזינסקי זאקלאד אויף זיין אימיעניע, אבער דער אדוואָקאט האט דערקלערט ראָזינסקי'ן דאס ער טאר דאס ניט טהון, אזוי וויא דיא נייע אויסנאהמס־געזעטצע געגען דיא אידען פערביטען זיי צו ערווערבען לאנד־איינענטהום, און א זאקלאד הייסט אויך איין ערווערב. דעריבער קען ער, ראָזינסקי, פערלירען זיין געלד אויב ער זאלל נעהמען אזא זיכערהייט. גראף סאלטיקאוו האט זיך געהאט געווענדעט צו פריינדע מיט דער בקשה זיי זאלען פאר איהם געבען זיכערהייט, אבער ער האט ניט געפונען קיין בעלנים וואס זאלען אונטערנעהמען אזא ריזיקע. ענדליך האט ער פאָרגעלייגט אהרן ראָזינסקי זיין געהאלט

וואס ער קריעגט פון זיין אמט אלס משכון, און דאס האט דער יידישער מלוה אנגענומען, מיט דער בעדינגונג אז דיא זאכע זאל גע־האלטען ווערין בסוד. אבער גלייך וויא דער קאָנטראַקט איז געצייכענט געווארן האט סאלטיקאָוו בעדויערט, דענן דורך דיזע האנדלונג האט ער זיך אין גאנצען אריינ־געגעבען אין דעם אידענס מאכט.

ענדליך איז געקומען דער טאג פון דער צאהלונג און דער אידישער מלוה האט זיך געמעלדעט מיט דיא וועכסלען צום גראף סאלטיקאָוו. אנשטאט זיך אָפּצובעטען איז ער איהם אנגעקומען גראָב. און האט איהם במעט ארויסגעטריבען. ראָזינסקי האט גע־סטראשעט אז ער וועט געהן צום געריכט. ער האט געזוכט וויעדער דעם אידען איבער־צובעטען, ווייל סאלטיקאָוו האט מורא גע־האט פאר דיא עפענטליכקייט וויא פאר פייער. אבער זיינע הבטחות האבען אויף דעם אידען ניט געווירקט. ראָזינסקי האט פערלאנגט זיין געלד און ניט אנדערש וויא זיין געלד.

אהרן ראָזינסקי איז דאנן געגאנגען צו־ריק נאך ווארשא, נאכדעם וויא ער האט פון סאלטיקאָוו ניט מעהר געקראגען וויא פוסטע הבטחות. דעם נעכסטען פריהמאָר־גען איז ער געפונען געווארן טויט. דיא וועכסלען פון גראף סאלטיקאָוו זיינען ארום זיין לייבע ניט געפונען געווארן.

פון דיזע פאקטען קען מען לייכט איינ־זעהן, דאס נאָוויקאָוו האט געהאט גרונד צו קוקען מיט פערדאכט אויף סאלטיקאָוו, האטש אפילו דיא פאַקטען גופא זיינען דעם סלעדאוואטעל נאך ניט בעקאנט געווען. אויך איז קיין וואונדער ניט וואס דער גראף סאלטיקאוו האט זיך געפיהלט זעהר אונ־בעקוועם אונטער דיא בלומרש׳ט אונשול־דיגע פראגען און אנטווארטען פון נאָוויקאָוו. ער האט דעריבער פערזוכט ארויף צו פיה־רען דעם געשפרעך מיט נאוויקאוו אויף עפעס אנאנדער ענין.

—א פראָפּאָ (אגב אורחא)—האט ער אָנגעהויבען—איהר האט מיר דאָ דערמאהנט וועגען א באנקעט פון סטודענטען, האט איהר ניט געהערט פון דיא לעצטע ארעס־טען וואס דער זשאנדארמסקי האט געמאכט אונטער דיא סטודענטען פון דער מעדיצי־נישער פאַקולטעט וועלכע האבען געהאט אבגעהאלטען געהיימע פערזאמלונגען?

—ניין, דורכלויכט—האט נאוויקאוו גע־ענטפערט, ניט פארשטעהענדיג צו וואס דיא פראגע ציעלט.

—דיא זאכע שיינט צו זיין זעהר ערנסט—האט סאלטיקאוו פאָרטגעזעצט—און איהר, הערר נאוויקאוו. וואלט זיך זעהר פערדינט

געמאכט אין דער דריטער אבטהיילונג (*) ווען איהר זאלט עטוואס אויסגעפינען פון אייער ארעסטאנט אויף אין דער בעציהונג צו דיא ניהיליסטישע פערזאמלונגען. אלס א סטודענט פון דער מעדיצינישע פאקול־טעט מוז ער געוויס וויסען וואס זיינע קא־מעראדען טהוען, דען דיא אידען נעהמען אין אלץ א האנד.

ערשט נאך דיזע אויסאיינאנדערזעטצונג האט נאוויקאוו זיך אנגעהויבען אנצושטוי־סען, וואס דיא כוונה פון גראף סאלטיקאוו איז. דאס איז געווען א פיינע אנצוהערינס אז אזא יונגער בעאמטער וויא נאוויקאוו, האט בעסערע געלעגענהייטען צו געפינען אנערקענונג אין דיא הויכע פענסטער אלס דורך די ענטדעקונג פון א אידענס א מערדער. פון דער אנדער זייט ווידער איז דאס גע־ווען געווארפען א חשד אויף דעם געפאנגע־נעם, דאס ער איז פארמישט אין פאליטי־שע זאכען; און א רוסישער בעאמטער איז זיך ניט מחויב צו לייגען אין דער לייגג און אין דער ברייט פאר אזא מענשען.

נאוויקאוו האט דאס אנצוהערינס זעהר גוט פארשטאנען. ער האט אויפגעהויבען זיינע אויגען אויף גראף סאלטיקאוו און האט איהם דורכגעדרונגען מיט זיין בליק. נאוויקאוו, אלס א יונגער רוסישער בעאמ־טער וואס האט געזוכט צו שטייגען, איז געווען ווייט פון צו זוכען גערעכטיגקייט; אבער צו האבען א פינסטערן סעקרעט פון גראף סאלטיקאוו ביי זיך אין דער האנד איז פאר איהם זעהר פיעל ווערטה געווען.

איין זאך איז בעשטימט, דורכלויכט —האט ער געזאגט—דיזעס מעסער האט געטאהן דיא ארבייט, און האט עס זעהר גוט געטהאן.

דער גראף האט ניט געענטפערט און האט געקוקט אויפען שופיט.

—נאר וואס איך קען בשום אופן ניט פארשטעהן—האט נאוויקאוו פארטגעזעטצט —איז וויא אזוי קומען סטודענטען עדות צו זאגען, אז פאלינסקי האט פערלארן זיין מעסער ביי יענער פערזאמלונג, און דאס ער האט איהם נאך אן דעם זעלביגען אבענד געזוכט און ניט געפונען.

—דאס איז זעהר לייכט צו דערקלערן— האט סאלטיקאוו געזאגט—פאלינסקי האט שוין דאנן אין זינען געהאט צו בעגעהן דעם מארד מיט דעם מעסער, און ער האט אבזיכטליך געמאכט בעקאנט אז ער האט איהם פערלארן, כדי אפצוווישען יעדען סליאד (שפור).

—דאס וואלט אללעס געווען רעכט און

(*) „טרעטיע אריעלעניע“ הייסט דאס הויפטקוואטיער פון דער געהיים פאליציי אין פעטערסבורג.

פיין; אבער סטודענטען זאָגען אויך דאס זיי האָבען בעמערקט איין עהנליכעס מעסער ביי אַ סטודענט אַנדרעיעוו, וועלכער טהוט אַ מאָל אַ קליין דיענסט פאר דיא פּאָליציי.

דאָ האט דער גראף סאלטיקאוו אויפגעהויבען האסטיג זיינע אויגען אויף נאָוויקאוו; אבער דער אויסדרוק אויף נאוויקאוו׳ס געזיכט האט קיין זאך ניט בעוויזען. אָבגלייך סאלטיקאוו האט זיך בעהערשט און איז לפּנים געבליבען רוהיג, האט מען דאך לייכט געקענט בעמערקען אז דיא נייעס פון אַנדרעיעוו האט איהם העכסט אונרוהיג געמאכט.

—ווען פאנגט זיך אָן דער פּראָצעס פון פּאָלינסקי?—האט סאלטיקאָוו געפּרעגט נאָר אום צו בעהאלטען זיינע אונרוהע.

—דער טאג איז נאך ניט בעשטימט, דורכלויכט—האט נאָוויקאָוו געענטפערט—אבער לאנג וועט עס ניט דויערן, אזוי וויא דיא אַלגעמיינע איבערצייגונג איז אז פּאָלינסקי איז דער מערדער. דיא יידישע געמיינדע פון איהר זייט דרינגט אויך אויף אַ שנעללען פּראָצעס, ווייל דיא אויפרעגונג וועגען פּאָלינסקי האט זיך נאך ניט איינגעשטילט. אהרן איז געוועזען איין אָנגעזעהענער מאנן ביי דיא זשידעס. דיא ערווארטונג אויף דעם פּראָצעס איז ביי דיא אידען בעזאָנדערס גרויס, ווייל זייער אלטער רב

—וויא מען האט מיר דערציילט—האט געזאגט עפענטליך אין דער סינאגאָגע, אז ער גלויבט ניט אין פּאָלינקיס שולד און האפט אז ער וועט בעפרייט ווערין.

—איז דאס דער אלטער זשיד וואס זעהט אויס וויא א מכשף?—האט סאלטיקאוו געזאגט פערעכטליך—איך זעה איהם אַ מאל אין גענעראל־גובערנאַטאָרס קאַנצעלאַריע וואו מען לאַדעט איהם אַ מאָל איין אום איהם אויסצופרעגען וועגען יידישע זאכען.

—דאס איז דערזעלביגער.

—וואס וויים דער אלטער נארר.

—ער בעהויפּטעט צו וויססען דאס אין דעם טאג וואס ראָזינסקי האט פארלאזען זיין הויז אויף אימער, האט ער געהאט ביי זיך געוויסע וועכסלען...

—הערר נאָוויקאָוו!—האט דער גראף אויסגערופען כמעט אויפשפּרינגענדיג; אבער פּלוצלונג האט ער זיך דערהאפּט און ענדערנדיג זיין שטימע האט ער פאָרטגעזעצט בלומרשט רוהיג: „פּוסטע מעשיות״! אבער וויא דיא צייטען האבען זיך געביטען! אזוי פיעל לאַרעם זאל מען מאכען איבער איין ערמאָרדעטען אידען! אין מיין טאטענס צייטען וואלט מען פארברענט אַ גאנצע קהילה פון זיי און מען וואלט ניט געמאכט קיין העלפּט לאַרעם וויא איצטער.

—אדער קיין העלפט געפאהר—האט

נאָוויקאָוו מגיה געווען בלומרשט גלייבגילטיג.

סאַלטיקאָוו האט אנגעקוקט דעם סלעדאָוואטעל גלייך אין דיא אויגען:

—נאָוויקאָוו, איהר ווילט געהן פאַרווערטס, ניט וואהר?

נאָוויקאָוו האט זיך פארנייגט.

—איהר זייט אַ פערטרויענס ווערטהער מאנן?

נאוויקאוו האט זיך געפיהלט געשמייבעלט און האט זיך נאך א מאָל פארנייגט.

—אבער, נאוויקאוו, לייטע וואס ווילען מאבען קאררירע און פערטרויענסווערטהע לייטע זיינען מאנכעס מאל צו אייפריג אין אין זייער דיענסט און ווערין געפעהרליך פיר זייערע פאַרגעזעצטע. דאַנן איז עס צייט זיי צו בעזייטיגען.

נאוויקאוו האט פערשטאנען וואס דאס מיינט. דאס איז געווען אַ קריעגס־ערקלערונג. א ווייל איז ער געשטאנען און האט געקלערט, צו זאל ער אָננעהמען דיא ארויספאָרדערונג און קעמפפען אדער זאל ער זיך אונטערגעבען. דער ישוב הדעת האט אבער ניט מעהר געדויערט וויא איין אויגענבליק, דיא שקלאפען־זעעלע פון דעם רוסישען טשינאָווניק האט זיך ענטשלאָסען פיר דאס לעצטערע און נאוויקאוו האט אונטערטהעניג ארונטערגעלאזען דיא אויגען.

—איך וויס, נאוויקאוו, אז איהר פארשטעהט וויא אזוי אייער אייפער אָנצווענדען—האט סאלטיקאוו פארטגעזעצט—און איך זאג אייך דערפאר צו, דאס איהר וועט געהן פאָרווערטס. סאלטיקאוו האט נאך עפּעס אַ שטיקעל דעה אין געוויסע ערטער און האט נאך מעכטיגע פריינדע.

דיא ווערטער זיינען געשפּראכען געווארן לאנגזאם און מיט איבערלייגונג, און נאָוויקאוו האט זיי אויסגעצייכנעט פארשטאנען. איין אויסדרוק פון איננערליכער צופרידענהייט האט זיך בעוויזען אויף זיין געזיכט אלס ער האט אויסגעדריקט זיינע אונטערטהעניגקייט און זיין דאנק.

גראף סאלטיקאוו האט געוואוסט, אז ער האט גוט געשפּיעלט דעם קאָן.

איך דיינק אז עס איז גאר קיין צווייפעל דאס דער זשיד וועט געהן אין קאטאָרגע—האט סאלטיקאוו געזאגט אלס נאוויקאוו האט געהאלטען ביין געהן.

—קיין צווייפעל, דורכלויכט—האט נאָוויקאָוו געענטפערט.

3.

דיא בייזע בעגעגענים.

—דיא פלוידעריי פון דעם גרויען זשיד געפעלט מיר ניט—האט סאלטיקאוו געמורמעלט צו זיך אליין נאכדעם וויא נאוויקאוו איז אוועקגעגאנגען—ניט שוין־זשע זאל איהם

אהרן האבען פערטרויט זיין סעקרעט איידער ער איז געגאנגען צו מיר, מיט דיא וועבסלען? אבער דער אלטער אידישער חסר דעה דארף זיך היטען ניט צו מישען זיך צו פיעל אין מיינע געשעפטען...

איינינע מינוטען איז סאלטיקאוו אזוי געזעסען פארטיעפט אין געדאנקען, דאנן האט ער זיך א חאפ געטהון, וויא אויפציטערנדיג, און האט געווארפען א בליק אויף דיא אוהר וועלכע איז געשטאנען אויף'ן קאָמין.

—עס איז שוין נאך האלבע נאכט און און אויף מיר איז גאר קיין שלאָף ניטאָ, וויא נערוועז איך בין געווארן דיא לעצטע צייט! איך מוז מיך צווינגען צו רוהע, זאנסט וועל איך שלעכט ענדיגען אויב עס וועט אזוי געהן ווייטער.

דער גראף איז געגאנגען אין זיין שלאָפצימער, אבער ער האט ניט געקענט שלאָפען, נאכדעם וויא ער האט זיך געדרייט פון איין זייט אויפען אנדערן עטליכע שטונדען, איז ער ענדליך אויפגעשטאנען, האט זיך געהייסען זאטלען זיין פערד און איז ארויסגעריטען, אין דער האפנונג דאס דיא פרייע לופט און דער ריח פון וואלד וועלין איהם א ביסל דערפרישען.

צורייטענדיג צום וואלד האט גראף סאלטיקאוו אפגעלאזען פריי דעם צוים און האט געלאזט געהן זיין פערד אין לאנגזאמען טריט וויא ער וויל, וועהרענד ער אלליי האט זיך פערטיעפט אין נאכזינונגען. ער האט גערעדט צו זיך אליין, האט צייטענווייז געמאכט ווילדע בעוועגונגען מיט דער האנד פונקט וויא אום צו פאריאָגען אונאנגענעהמע עראיננערונגען.

פלוצלונג האט זיך זיין פערד דערשראָקען און האט זיך א וואָרף געטהאן אָן א זייט אזוי דאס ער האט שיער ארונטערגעווארפען זיין רייטער. מיט א פלוך האט דער גראף אריינגעגראָבען זיינע שפּאָרען אין דיא זייטען פון זיין פערד, וועלכעס האט זיך צויאָגט פאָרווערטס; אבער ער האט זיך באלד אומגעקעהרט צו דעם פלאטץ וואו דער פערד האט זיך דערשראָקען, אום זיך צו איבערצייגען וואס דאָרטען געהט פאָר.

פון הינטער א בוים איז יעצט ארויסגעקראכען א מאנן. ער איז געוועזן אנגעטהון אין לאנגע שטיוועל, דיא הויזען אריינגעמאכט אין דיא חאלאוועס, א קורצען רעקיל און א היטעל מיט א ברייטען דעקיל. אויפען געזיכט איז ער געוועזן א מאנן פו א יאהר 28, מיט איין אבשטויסענדען פנים און מיט יענע סלאווישע ציגע וועלכע דערמאהנען אָן דיא טאטארען. ער איז ארויס פון אונטער דעם שאטען פון דיא בוימער און האט זיך געשטעלט ביין וועג.

—אנדרעיעוו!—האט אויסגערופען סאל־
טיקאוו אלס ער איז צוגעריטען צו איהם—
דוא היער! און אזוי פריה? וואס איז דען
געשעהן?

—איך געה דאס צו אייך, גראף.

—דוא געהסט דאך ניט דורך דעם
דיקען וואלד ווען אזא פיינער וועג איז
אויסגעהאקט.

—געוויס ניט, גראף; אבער אלס איך
האב דערהערט דיא טריט פון אייער פערד,
האב איך מיך ארונטערגעהאַפּט אונטער א
בוים, ווייל איך דיינק אז עס איז געפעהרליך
דאָ פון איינעם בעמערקט צו ווערין; נאר אלס
איך האב דערזעהן גוט ווער דער רייטער
איז האב איך מיך ווידער ארויסגעהאַפּט,
און דאנן האט זיך אייער פערד דערשראקען.

—וואס פיהרט דיך צו מיר, אנדרעיעוו,
און אין אזא אונגעוועהנליכע שטונדע?

—דער שרעק, גראף.

—דער שרעק? וואס האט דענן פּאַ־
סירט? ווער מאכט אז דוא זאלסט מורא
האבען?

—איך גלויב מיין אייגענער געוויסען.

—איך האב גאר קיינמאל ניט געוואוסט
אז דוא האסט א געוויסען—האט דער גראף
בעמערקט האלב שפּאַטענדיג און האלב בייז.
איהם האט אויסגעוויזען אז דער יונגער מאן
זוכט אבזיכטליך איהם צו שיטען זאלץ אויף
דיא וואונדען.

—איך האב עס אויך ניט געוואוסט,
גראף, אבער זייט איך האב בעמערקט אז
לייטע אינטערעסירען זיך מיט מיר און
היטען מיינע טריט, האב איך אָנגעהויבען
צו שפּירען אז איך האב א געוויסען.

—רייד דייטליכער, אנדרעיעוו, און דער־
צייל מיר אללעס אין קורצען; איך בין ניט
אויפגעלייגט צו טרעפען רעטעניסען.

—דיא זאכע איז גאנץ איינפאך, גראף;
צייט יענער טאשענמעסער איז געפונען גע־
ווארן, הערט מען ניט אויף מיר נאכצושפּי־
רען. לעצטע נאכט זיינען צוויי לייטע גע־
שטאנען ביין טויער פון מיין קוואַטיער ביז
האלבע נאכט, איך האב דיא גאנצע צייט
ניט געוואגט צו אייך צו געהן, אויס מורא
צו דערוועקען חשד. איך האב מיך דערי־
בער ארויסגעגנב'עט אינמיטען נאכט אום
אהער צו געהן.

—דוא ביסט זעהר געשיקט און פאַרזיכ־
טיג, אנדרעיעוו, אבער נאך אימער ניט
פאַרזיכטיג גענוג, דענן זאָנסט וואָלט מען
אויף דיר ניט געהאט קיין חשד.

—איך קען עס ווירקליך ניט בעגרייפען,
דורכלויכט, וויא אזוי מען האט געפונען א
סליאד צו מיר. איך בין איבערצייגט דאס
קיין לעבעדיגער מענש האט ניט געזעהן וויא

איך האב דאנן דעם טאשענמעסער אריינגע־לייגט צו זיך אין קעשענע. און עס זיינען גע־ווען יענעם אבענד איבער 50 סטודענטען, און מעהר וויא העלפט האבען איבערגע־האלטען פּאָלינסקי׳ס טאשענמעסער וועלכער איז געלעגען פריי אויפען טיש.

—וויא אזוי ווייסטו אז מען איז דיך חושד?

—וויא אזוי איך ווייס? א שעהנע פראגע! איך בין נעבטען געווען וויא אין קדחות צו־ליעב דעם. נאוויקאָוו, דער אידיאָטסקער סלעדאָוואטעל, האט מיך נעכטען פריה פאר־רופען און האט מיך געשטעלט אויפען דאָפּראָס וועגען דעם מעסער פון פּאָלינסקי.

—נו, וואס האט ער פון דיר אויסגע־פונען?—האט דער גראף געפרעגט עטוואס דערשראָקען.

—נאטירליך ניט פיעל. אבער מיר גע־פעלט ניט דיא מעשה דאס אזא אידיאָט זאל פּאלּלען אויף דעם. אנדרעיעוו וואס האלט זיך אלליין פאר א שטיק מאַסטער אין דיא זאכען פון אויםשפּירען עטוואס, דארף זיך אלליין וויסען בעסער וויא צו היטען.

—זעלבסט־קריטיק איז א גוטע מידה—האט דער גראף געשפאסט, אבער וועגען נאָוויקאָוו דארפסטו ניט מעהר אונ־רוהיג זיין. ער איז לעצטע נאכט ביי מיר געווען און אללעס איז געבראַכט אין דיא בעסטע אָרדנונג. ער וועט דיך ניט מעהר בעלעסטיגען.

—אבער דיא צוויי לייטע וואס האבע בעוואכט מיין קוואטיר?...

—דיא האט ער וואהרשיינליך אוועקגע־שטעלט איידער ער איז געפאהרען צו מיר.

—עס פרייט מיך זעהר דיא נייעס צו הערן, דורכלויכט, דענן פון דעם אויגענבליק אָן וואס איך האב ערפאהרען אז דאס מע סער וואס איך האב איך געבראכט, איז געפונען געווארן בעדעקט מיט דעם בלוט פון דעם אידישען פּראָצענטניק האב איך מיך געפיהלט זעהר אונזיכער און בעדריקט.

דער גראף האט אויף דעם ניט גע־ענטפערט, און א היבשע ווייל זיינען דיא ביידע מענער געגאנגען זייט ביי זייט, דער גראף פיהרענדיג זיין פערד פאַרן צוים און ניט ריידענדיג א וואָרט.

— — — — — — — — — —

אום דער לעזער זאלל פארשטעהן דיא גאנצע בעדייטונג פון דער אונטעררע־דונג, וואס דער גראף האט געהאט מיט אַנדרעיעוו וועט עס נייטיג זיין צו ערקלערן, דאס אנדרעיעוו איז דער סטודענט אויף וועלכען נאָוויקאָוו האט זיך בעצויגען אין זיין געשפּרעך מיט׳ן גראף סאַלטיקאָוו. אנד־רעיעוו איז געווען א ווייטער קרוב פון גראף און איז געשיקט געווארן פון טיעף

רוסלאנד, וואו זיינע פאראעממע עלטערן האבען געוואוינט, מיט עמפפעהלונגען צו סאלטיקאוו'ן. דורך דעם איינפלוס פון גראף סאלטיקאוו האט אנדרעיעוו ערהאלטען דיא שטעללונג פון א פאליטישען שפיאן אונטער דיא סטודענטען. ער האט בעצווינגען א היב־שע געהאלט, און האט פיין געלעבט, און זיין גאנצע בעשעפטיגונג איז בעשטאנען צו בעאבאכטען דיא סטודענטען־פערזאמלונ־גען און אריינבריינגען אין בעשטימטע צייטען זיינע ראפארטען אין גענעראל־גובערנאטארס קאנצעלאריע.

אלס גראף סאלטיקאוו האט געהאט איינגעזעהן אז עס וועט באלד אנקומען דיא צייט ווען ער וועט דארפען בעצאהלען דעם אידישען מלוה דעם חוב און קיין אויסזיכ־טען אויף געלד האט ער ניט געהאט, האט ער גענומען זוכען אויפען אידען עפּ׳ס א בלבול דורך וועלכען ער זאל איהם קענען איינשרעקען. ער האט דעריבער אנגעבעטען דעם פריסטאוו פון דעם שטאדט־טהייל וואו ראזינסקי האט געוואוינט, ער זאלל איהם מיטטהיילען ווער עס געהט איין צו ראזינסקי און אלעס וואס ער ווייס פון איהם. אויף דעם אופן האט ער ערפאהרען דאס דער סטודענט פאלינסקי געהט אהין איין, מייסטענטהיילס פון אבענד, ווען ראזינסקי אליין איז ניט צו הויז. ער האט אויך ער־פאהרען דאס פאלינסקי שדכן׳ט זיך צו דער שיינער מירעלע געגען ד א איינוויליגונג פון איהר פאטער. דיעזע אויסקונפט איז געווען פאר גראף סאלטיקאוו וויא געוואונשען. ער האט אנגעהויבען צו זוכען א מיטעל וויא אזוי אריינצושלעפען פאלינסקי אין עפּעס א צרה, וויא למשל בעשולדיגען איהם אין פאליטישע זאכען, און דורך איהם אויך אריינציהען מירעלען. דער אלטער מלוה (האט סאלטיקאוו ביי זיך געטראכט) וועט דאנן פליהען וויא א פער׳סמטער צו איהם, און לא די וואס ער וועט איהם מוזען צור־ריקגעבען זיינע וועכסלען, וועט ער איהם נאך מוזען צוצאהלען געלד.

דאס איז געווען סאלטיקאוו׳ס פלאן, און דערפאר האט ער געהאט אנגעבעטען אנדרעיעוו'ן ער זאל האלטען איין אויג אויף פאלינסקי; ער זאל איהם נאכשפּירען, און זאל קריגען, אויב מעגליך, זיין נאטיץ־ביכל אדער עפּעס אנאנדער געגענשטאנד וואס אלע ווייסען אז עס געהערט צו איהם. ביי דער ערשטער בעסטער געלעגענהייט האט אנדרעיעוו צוגעגנב׳עט פאלינסקי׳ס טאשענ־מעסער און האט עס געבראכט צו סאל־טיקאוו. גראף סאלטיקאוו האט צוגעהאפט דאס מעסער וויא איין אבן טוב, און האט געהאט בדעה איינצוריכטען אזוי דאס דיא פאליציי וועט איבערפאלען א געהיימע פער־

ואמלונג פון נעמיינסטע ניהיליסטען, וואו אלע ווילן צעלויפען, און מען וועט נאר געפינען פאַלינסקי'ס מעסער. דאס וועט גענוג זיין איהם צו ברייננגען הינטער פאר־שלאָסענע גראַטעס, און מירעלע וועט ווערן ארעסטירט אויף פערדאַכט.

אבער איידער ער האט בעוויזען דאס אלעס אין אָרדנונג צו ברייננגען, איז אָנגעלאָפען די צייט פון דער צאָהלונג. ראזינסקי האט געמאָהנט געלד און האט געפונען דעם טויט, וויא דאס איז שוין פריהער בעשריבען געוואָרן.

אנדריעוו האט זעלבסט פערשטענדליך פארשטאַנען, דאס גראף סאַלטיקאָוו זוכט א סימן פון פאַלינסקי ניט פון פאַלינסקי'ס טובה וועגען. אבער ניט וויסענדיג די בעציהונגען פון גראף צום אידישען מלוה, און פון פאַלינסקי צו דעם ערמאָרדעטען אידישען געלד־לייהער, האט ער זיך ניט געקענט דערקלערען דעם צוזאמענהאנג פון פאַלינסקי'ס מעסער מיט דעם מאָרד. די פאָליציי—האט ער ביי זיך געטראַכט—איז בלינד; זיא געפינט פאַלינסקי'ס מעסער, און דיינקט אז זיא וויים שוין אלעס; אבער איך— איך וויים דאך אז דאס מעסער איז געווען ביי מיר, און איך האב איהם איבערגעגעבען צום גראף, הייסט וויא אזוי־ ושע סומט דאס מעסער ביי דער לייבע?

אנדרעיעוו האט זיך אליין איספּוּשעט פארן פלעצליכען געדאנקען, און האט זיך אומגעקוקט פון דער זייט אויף'ן גראף. דיזער איז געגאנגען שטיל ביי זיין זייטע, מיט איין אראָפּגע'לאזענעם קאָפּ, אימער פיהרענדיג זיין פערד פארין צוים.

אין דעם אויגענבליק וואס אנדרעיעוו האט געוואָרפען א זייטענבליק אויפ'ן גראף האט אויך דער גראף אויפגעציטערט אָם גאנצען קערפּער, און איז געבליבען שטעהן אויפען פלאַטץ וויא א צונעשמידעטער, האלטענדיג זיין בליק אויף איין פונקט, ביי דער זייט פון וועג.

—וואס איז אייך גראף?—האט אנדרעיעוו געפרעגט, ווארפענדיג א בליק אין דער־זעלביגער ריכטונג אין וועלכער דער גראף האט געקוקט.

סאַלטיקאָוו האט ניט געענטפערט. ער האט געהאלטען זיין בליק אלץ אין דערזעלביגער זייטע, פונקט וויא ער וואלט געווען בעצויבערט און וואלט ניט קענען אפּרייסען זיין בליק פון דאָרטען, און האט ניט געענטפערט.

אנדרעיעוו האט געזוכט מיט די אויגען די אורזאַכע פון דעם גראף'ס ערשטוינען, און האט קיין זאך ניט געקענט ענטדעקען. דאָרטען זיינען נאר געווען בוימער וויא אלע אנדערע בוימער אין וואלד, און

ארום איין בוים איז געווען ארומגענומען א הילצערנע צאם, צוויי איילען אויף צוויי איילען, און אויף א ברעטעל וואס איז געווען צוגעשלאגען צו דעם פראנט־זייטע פון צאם זיינען געווען אויסגעשניצט אידישע אותיות, וועלכע קיינער פון דיאביידע מענער האבען געקענט לעזען. אויף דער ברעטיל איז געווען איינגראווירט און שווארץ אויסגעפילט דער פאלגענדער נוסח:

פה נפל חלל

ביד איש דמים

הקדוש

ר' אהרן ב"ר משה

ראזינסקי

ת. נ. צ. ב. ה. (1)

דערנאך איז געווען אויסגעקריצט דער טאג ווען דאס האט פאסירט.

דעם גראפ'ס בליק איז געווען געהעפט אויף דיזע ברעטיל מיט דער אויפשריפט וועלכע ער האט ניט געקענט לעזען. דאס האט איהם אויסגעוויזען וויא דער „מנא, מנא, תקיל ופרסין" וואס דעם מלאך'ס האנד האט געשריבען אויף דער וואנד פון קעניג בלשאצר, און דיזער איז דערפאר צוציטערט געווארן, אבגלייך ער האט ניט געוואוסט דיא בעדייטונג דערפון.

אבער זיין שרעק האט ניט מעהר געדויערט וויא א מינוט. ער האט זיך בערערשט, און אנוו יזענדיג מיט'ן האנד אויף דיא אויפשריפט, האט ער געזאגט בלומרש'ט מוג. ער און האלב־שפאטענדיג:

—וואס איז דאס פאר א מין קיטאיס־קאיא גראמאטא"?

—דאס שיינט צו זיין העברעאיש—האט געזאגט אנדרעיעוו, וועלכער האט עטוואס מעהר געוואוסט פון גראף וועגען פארמען פון בוכשטאבען.

—העברעאיש!—האט סאלטיקאוו אויסגערופען בעטראפען, נאכדעם וויא ער האט איין אויגענבליק געטראכט—ווער האט ערלויבט דיא זשידעס דא אויפצוהייגען ברעטלאך מיט אויפשריפטען? דאס איז ניט געזעצליך.

און דאס זאגענדיג האט דער גראף געלאזען שטעהן זיין פערד, איז צוגעגאנגען נאהענט צו דעם פארקאן, האט אויפגעהויבען א דיקען צווייג פון דר'עיד און האט אנגעהויבען אראפצוברעכען דיא ברעטיל, וועלכע איז געווען פעסט צוגעשלאגען.

—גראף, דער גרויש ווערט נאך אויפמערקזאם מאכען דעם ליעסניק—האט אנדרעיעוו געזאגט—אדער אנאנדערן ווערען

(1) „דא איז געפאלען ערמארדעט דורך דיא האנד פון א בלוט־מענשען דער הייליגער ר' אהרן ב"ר משה ראזינסקי, זאל ער האבען א ליכטיגען גן־עדן".

עס איז, וואס געפינט זיך ניט וויט פון דאנען, און עס איז פיליכט ניט גליך אז מען זאל אונז דאָ איצטער זעהן, אזוי פריה.

אבער סאלטיקאָוו איז איצטער ניט געווען אין אזא צושטאנד וואס ער זאלל קענען הערן וואס מען זאגט איהם. דער אנבליק פון דעם פארקאן ארום דעם בוים האט אין איהם דערוועסט א שרעקליכע ער־אינערונג, און יעדער קלאפּ וואס ער האט גענעבען מיט דעם דיקען פלאָקען אום אראָפּצוברעכן דאס ברעטיל מיט דער אויפ־שריפט, האט איהם אלץ מעהרער אויפגע־רעגט. יעדער קלאפּ האט אָפּגעהילכט אין וואלד מיט טויזענדע וויעדער־קולות; סאל־טיקאָוו איז געווארן וויטהענד וואס דיא ברעטיל גיט ניט נאך און איהם האט בשעת מעשה אויסגעוויזען אז ער קעמפּפט מיט איין אונזיכטבארער מאכט. דער בייזער געוויסען, דיא איינזאמקייט פון דעם פלאטץ, דיא אונערווארטעטע געהיימניספאָלע אויפ־שריפט אויף דעם פארקאן ארום ביים—דאס אללעס צוזאמען האבען ארויסגערופען אין סאלטיקאָוו'ן קינדישען אבערגלויבען.

פלוצלונג האט זיך דערהערט א שטי־מע פון הינטער א גרופּפּע בוימער ניט וויט פון דעם אָרט וואו סאלטיקאָוו מיט אנדרעי־עוו'ן זיינען געשטאנען.

—וואס טהוט איהר דאָ? ווער זייט איהר?

דאס איז ווירקליך געווען איינער פון דיא וואלד־היטער וועלכער איז געקומען צו לויפען אויפען גערויש, גלויבענדיג דאס גנבים האקען האָלץ.

סאלטיקאָוו האט זיך שנעל צוזאמענ־גענומען און האט אָנגענומען א גלייכגיל־טיגע אבער שטרענגע מיענע.

—ביסטו דאָ דער לעסניק?—האט ער געפרעגט דעם מושיק וועלכער איז געבלי־בען שטעהן מים רעספּעקט, דערקעננענ־דיג גראף סאלטיקאוו.

—יאָ, בארין—האט יענער געענטפערט אראָפּנעהמענדיג זיין היטעל.

—האסטו דאס ערלויבט אָנצושלאָגען דאָ א ברעטיל מיט א זאָנדערבארע אויפ־שריפט, דער טייפעל ווייס וואס?

—ניין, בארין, דאס האט ערלויבט גראף סעקאָ, דער אייגענטהימער פון וואלד. דיא זשידעס זיינען געקומען צו איהם פון ווארשא און האבען געבעטען ערלויבניס ארומצוצאמען דעם בוים, אונטער וועלכען דער ערמאָרדעטער זשיד איז געפונען גע־ווארן, און ער האט זיי דאס ערלויבט.

סאלטיקאוו האט געקנירשט מיט דיא ציינער פאר כעס. גראף סעקאָ איז געווען א פּאָליאַק, און האָטש זיי זיינען געווען שכנים האט דאך קיינע בעזאנדערע פריינד־

שאפט געהערשט צווישען סעקא און סאלטיקאוו.

—זאג דיין העררן דאס עס איז ניט ערלויבט אויסצוהייגען אויף איין עפענטליכען וועג ברעטלאך מיט געהיימע אויפשריפטען. איך האב דעריבער ארונטערגעבראכען דאס ברעטיל־דא.

אנדרעיעוו האט זיך ניט געקענט דערקלערן דיא אויפרעגונג פון גראף סאלטיקאוו ביי דעם אנבליק פון דער געהיימניספאלער אויפשריפט, אבער ער האט ניט געוואגט פרעגען דיא אורזאכע דערפון.

שוויינענדיג זיינען דיא ביידע מענער אנגעקומען צום גראף'ס גוט, און נאך פריהשטיק זיינען זיי ביידע אוועקגעפאהרען צום גענעראל־גובערנאטארס קאנצעלאריע, איינער אלס בעאמטער, דער צווייטער אום אבצושטאטען וועלכען בעריכט פון זיין שפיאנירען אונטער דיא סטודענטען.

4

רבי משה חיה'לעס.

אונטער דיא אינטימסטע פריינדע פון דעם ערמארדעטען אהרן ראזינסקי איז געווען רבי משה חיה'לעס. דעם צונעמענים „חיה'לעס" האט ער ערהאלטען צוליב זיין מוטער חיה' וועלכע איז אין מיטען פון אונזער יאהרהונדערט בעקאנט געווען אין דער אידישער קהילה פון ווארשא דורך איהר זעלטענע גוט־הערציגקייט און דורך איהר אויפאפפערן זיך פיר ארעמע און נויטליידענדע. זיא איז געווען איינע פון יענע אידישע ווייבער וועלכע זיינען מאמעס צו אלע מיידלאך וואס האבען פארלארן זייערע אייגענע מאמעס, זיינען קראנקען־וועכטערינען פיר ארעמע קינדבעטארינס און נעהמען זיך אן פיר יעדען וואס איז אין א צרה. איהר זאהן משה'לע האט זיך ערצויגען וויא אלע אידישע נבירישע קינדער פון יענע צייטען, דענן חיה'לעס מאנן איז געווען א רייכער האלץ־הענדלער, וואס פלעגט שיקען פליטען מיט'ן ווייכסעל נאך פרייסען. משה'לע האט ביז 18 יאהר געלערנט, האט געקראגען סמיכות אויף רבנות, און האט דאנן חתונה געהאט און האט אנגעהויבען צו האנדלען מיט האלץ אזוי וויא זיין פאטער. עטליכע יאהר שפעטער איז משה'ס פאטער געשטארבען, און נאך אין עטליכע יאהר ארום איז אויך געשטארבען זיין מוטער. ער איז געבליבען ביי א היבשען פארמעגען, און האט פארטגעזעצט זיין האנדעל. קומענדיג עטליכע מאהל אין פרייסען האט ער זיך ארומגעזעהן אז דיא גמרא מיט'ן שולחן ערוך גיעבען נאך ניט איינעם א געהעריגען בעגריף פון דער וועלט, און ער האט דעריבער אנגעהויבען אריינצוקוקען

ציימענווייז אין ספרים הצונים. זיינע אויפריכטיגע פרומקייט און אויך זיין גוטסקייט וועלכע ער האט טהייל־ווייזע געירשנט פון זיין מוטער, האבען איהם געשיצט פון דער געפאהר פערשריען צו ווערין פאר איין אפיקורס, און ער האט דערווייליע פארטגעזעצט צו לערנען און אין פערלויף פון עטליכע יאהרען האט ער זיך ערווארבען פיעל קעננטניסע אין שפראכען, אין חשבון און אנדערע וויסענשאפטען און ער איז געווארן איינער פון דיא אנגעזעהענסטע מענשען אין ווארשא. אין דער צייט פון מיאטעזש האט ער געהאלטען וויא פילע אנדערע אידען, מיט דיא פאלאקען, און ער האט זיך ערווארבען א נאמען אונטער דיא פוילען וויא אונטער אידען.

דער מיאטעזש האט איהם אין גאנצען ארונטער־געשלאגען פון זיין געשעפט און ער האט פארלארן זיין פערמעגען. אבער דיא אידישע געמיינדע האט איהם ניט פערלאזען און האט איהם געגעבען דיא שטעלע פון א פארשטעהער פון דער געמיינדע מיט א פיינעם געהאלט. דורך זיינע קענטניסע און דורך דעם איינפלוס פון כריסליכע פריינדע האט ער אויך בעקומען דיא שטעלעביין גענעראל־גובערנאטאר פון „משינאווניק אסאביך פארוטשעני פא יעווריסקים דיעלאם" (ד. ה. א מין ראטה אין יידישע אנגעלעגענהייטען) וועלכע שטעלונג האט איהם אויך איינגעבראכט א היבשען געהאלט.

אין דער צייט ווען עס זיך האנדעלט אונזער ערצעהלונג איז משה חיה׳לעס שוין געוועז א מאנן פון א יאהר 65, מיט א גרייז־גרויען בארד, און עטוואס געבויגען, אבער נאך פריש און מונטער, און האט נאך ווארעם גענומען צום הארצען דיא אינטערעסען פון זיינע ברידער.

דיזער ר׳ משה חיה׳לעס איז זעהר שטארק בעפריינדעט געוועז מיט אהרן ראזינסקי. זיי זיינען א מאל געוועז חדר־איינגלאך. דיא איינציגע זאך וואס ר׳ משה פלעגט אויסזעטצען אין זיין פריינד אהרן ראזינסקי איז געוועז זיין געשעפט פון הלואה אויף פראצענט. דאס איז אויך געוועזן דער איינציגער ענין איבער וועלכען דיא ביידע אלטע פריינד פלעגען זיך אלע מאל מתווכח זיין און פלעגען קיינמאל ניט קומען צו א הסכם. אהרן ראזינסקי פלעגט זאגען אז פערלייהען געלד איז פונקט אזא געשעפט וויא אלע געשעפטען, און אזוי וויא דער טוך־קרעמער מעג פערדינען אן זיין טוך און דער האלץ־הענדלער אן זיין האלץ, אזוי מעז דער געלד־הענדלער פערדינען אן זיין געלד. ר׳ משה חיה׳לעס דאגעגען פלעגט טענה׳ן אז דאס איז ניט גלייך, דענן וועהרענד דער קרעמער און דער הענדלער הא־

בען וועלכע מיהע אין שאפען דיא סחורה
אויפען פלאטץ, טהוט דער פראצענט־נעה־
מער גאר ניט; אגב איז וואוכער זעהר
פערהאסט ביי דיא וועלט און דער אידי־
שער נאמען ווערט צו שאנדע צוליב דיא
עסקים פון הלואה. דאס זיינען געוועזן דיא
סכסוכים וואס ר׳ משה חיה׳לעס און אהרן
ראזינסקי פלעגען צווישען זיך האבען. זאנסט
אבער זיינען זיי זיך געוועזן דיא בעסטע גוטע
פריינד און האבען איינער פון דעם אנדערן
קיין זאך ניט בעהאלטען. אין אלע עפענט־
ליכע אנגעלעגענהייטען פון דער קהילה
פלעגט אהרן ראזינסקי בייטראגען געלד
און ר׳ משה פלעגט אויסארבייטען דיא
פלענער. ר׳ משה איז אויך געוועזן פער־
טרויט אין עסקים פון אהרן ראזינסקי, און
האט אויך געוואוסט פון דער הלואה וועל־
בע ראזינסקי האט געמאכט צו סאלטיקאוו,
און פון דעם משכון וועלכען סאלטיקאוו
האט געגעבען צו אהרן ראזינסקי.

נאכדעם וויא דיא לייבע פון אהרן
ראזינסקי איז געפונען געווארן האט ר׳ משה
חיה׳קעס אויסגעפונען דורך נאכפארשונגען
דאס אן דעם אבענד פאר זיין טוידט האט
ער מיטגענומען געווי׳סע פאפירען, וועהרענד
ארום דער לייבע זיינען קיינע דאקומענטען
געפונען געווארן.

אהרן ראזינסקי פלעגט זיך אפט בע־
קלאגען פאר ר׳ משה ח ה׳לעס אויף זיין
טאכטער מירעלע, פאר איהרע צו פריינד־
ליכע בעציהונגען צו פאלינסקי, דעם אידישען
סטודענט, וועלכער האט אין אנפאנג גע־
מאכט איהר בעקאנטשאפט נאר אלס
איהר לעהרער, און האט עס אזוי וויט גע־
בראכט, דאס מירעלע וויל גאר פון קיין
שידוכים ניט הערן. ר׳ משה חיה׳לעס פלעגט
דארויף אימער ענטפערן, דאס אויב פא־
לינסקי איז זאגסט איין אנשטענדיגער מענש
זעהט ער גאר ניט איין מיט וואס דער
שידוך איז אזוי שלעכט. אבער ראזינסקי
האט דערפון ניט געוואלט הערן. ער פלעגט
אימער טראכטען פון א חתן פאר זיין בת
יחידה—א גאטספארכטיגען יונגען מאנן,
א סוחר, פון גרויסען יחוס. און אלס פא־
לינסקי איז איינמאל געקומען צו איהם ריי־
דען איין ערנסט ווארט וועגען זיינע אויס־
זיכטען, האט איהם ראזינסקי בעליידיגט.
פון יענעם מאל אן האבען זיי זיך מעהרערע
מאל צוזאמענגעטראפען. דענן דיא ליבע וועל־
בע האט טויזענד וועגען, פלעגט אפט צו־
זאמענפיהרען פאלינסקי מיט מירעלען און
עטליכע מאל איז פאלינסקי איבערראשט
געווארן פון מירעלעס פאטער, וועהרענד
ער פלעגט ווארט:ן ניט וויט פון מירעלעס
הויז אין דער האפנונג זיא צו טרעפען.

איינע פון אזעלכע בעגעגניסען האט

שטאטגעפונען אַן דעם אבענד פאר דעם אבענד פאר דעם מאָרד. זיך צאנקענדיג און ריידענדיג מיט היטץ זיינען דיא ביידע מענער געגאנגען אַ היבשע צייט אויפען וועג וואס האט געפיהרט צו דער אימיעניע פון סאַלטיקאָוו, און דיזער אומשטאנד האט געפיהרט צום חשד דאס פּאָלינסקי איז שולדיג אין דער ערמאָרדונג פון אהרן ראַזינסקי.

דיזע אלע פאקטען זיינען בעקאנט געוועזען צו ר׳ משה חיה׳לעס, און דעריבער האט ער זיך בעשלאסען, פאר אללעם, צו האבען איין אונטערעדונג מיט אלבערט פּאָלינסקי. דיזע אונטעררעדונג האט ער געזוכט ניט דערפאר וואס ער האט חושד געוועזען דעם אָרמען סטודענט אין דעם-מאָרד, זאנדערן אום אויסצוגעפינען פון איהם וויא און אונטער וועלכע אומשטענדען ער האט איבערגעלאזען אהרן ראזינסקי אלס ער איז פון איהם אוועקגעגאנגען.

ר, משה חיה׳לעס האט אָבגעשטאט אַ בעזוך דעם געפאנגענעם פּאָלינסקי און אויב ער האט פריהער געצווייפעלט אין פּאָלינסקי׳ס שולד, איז ער נאך דיזען בעזוך געוועזען פאלשטענדיג איבערצייגט אין זיין אונשולד.

דער איינציגער בעוויז געגען פּאָלינסקי איז געוועזען זיין מעסער וועלכער איז געפונען געוואָרן ניט ווייט פון דער לייבע או מיט וועלכען דער מאָרד איז בעגאנגען געוואָרן. ר׳ משה חיה׳לעס האט דעריבער געזוכט צו דערגעהן פון דעם אונגליקליכען סטודענט אַלעס וואס ער האט געוואוסט וועגען דאס פערשווינדען פון זיין טאַשען־מעסער. אבער אלעס וואס ער האט איהם געקענט זאגען איז געוועזען נור, דאס ער האט איהם געהאט פארלאָרן ביי אַ קליינעם באנקעט פון סטודענטען מיט אַ מאָנאט פריהער איידער דיא לייבע פון ראָזינסקי איז געפונען געוואָרן.

ר׳ משה חיה׳לעס האט געוואלט רעדען מיט דעם אונגליקליכען יונגען מאַן, ער־שטענס צוליב מירעלע, וועלכע ער האט ליעב געהאט וויא זיין אייגען קינד, ווייל ער אליין האט קיין קינדער געהאט, און דאנן צוליעב דעם יידישען נאמען, אַ יידישער מערדער איז אזא זעלטענהייט! אבער וויא אזוי? אום צו רעטען פּאָלינסקי איז דורכ־אויס נייטיג געוועזען אויסצוגעפינען דעם אמת׳ן מערדער און דאס איז נאטירליך ניט איין ארבייט פיר ר׳ משה חיה׳לעס.

דערווייל זיינען אויבער מאנאטע, דער אונגליקליכער פּאָלינסקי איז נאך אלץ געלעגען אין געפענגניס ערווארטענדיג זיין משפט, אבגלייך דיא עפענטליכע מיינונג און דיא פרעסע פון דער פוילישער הויפּט־

שטאדט האבען איהם שוין לאנג פעראורטיילט.

ר' משה חיה'לעס איז דורך אהרן ראַזינסקי'ס צוואה געווארן דער אפּעקון איבער דיא ירושה פון דעם ערמאָרדעטען. אלס ער האט איינמאהל דורכגעזעהן דיא אלטע חשבונות פון דעם ערמאָרדעטען, איז איהם געפאלען אין דיא אויגען דיא שורה: „צו גראף סאַלטיקאָוו 20 טויזענד רוביל", דאָ האט עס ביי ר' משה'לען אין קאָפּ אויפגעליכטען וויא א קליינער שטראַל האָפנונג, דאס ער וועט פיליכט קענען רעטען פּאָלינסקי. ער האט געוואוסט, דאס סאַלטיקאוו איז א מאנן מיט איינפלוס. ער האט אויך געוואסט פון דאס וואס ער האט געהערט פון אהרן ראַזינסקי, דאס סאַלטיקאוו איז אין געלד־פערלעגענהייטען. וויא, למשל, ווען ער זאל קומען צו סאַלטיקאָוו און איהם זאגען אז ער שיינקט איהם דיא 20 טויזענד רוביל וואס ער איז שולדיג דיא יורשים פון ראַזינסקי, מיט דער בעדינגונג אז ער, סאַלטיקאוו, זאלל עטוואס טהון פיר דעם ארעמען פּאָלינסקי? אלס א פערשווענדער וואס זוכט געלד וועט ער זיך געוויס אָן דעם אָנכאפּען, און אלס הויכער בעאמטער פון גענעראל־גובערנאטאָרס קאנצעלאריע וועט ער געוויס פיעל קענען טהון.

ר' משה היה'לעס האט דעריבער בענוצט דיא ערשטע געלעגענהייט ווען ער איז גערופען געווארן אין גענעראל־גובערנאַטאָרס קאנצעלאַריע צו איבערזעטצען עפּעס א יידישען דאָקומענט, אריינצוקומען אין א געשפּרעך מיט סאַלטיקאווין. דאס איז איהם ניט געפאללען שווער, ווייל, וויא עס האט אויסגעוויזען, איז סאַלטיקאָוו אלליין אויך צו פרידען געווען צו שמועסן א ביסל מיט ר' משה היה'לעס. דאס געשפּרעך האט זיך אויך באלד צוגעווענדעט דעם געגענשטאנד, צו וועלכען ביידע, וויא סאַלטיקאוו אזוי ר משה, האבען געוואלט צוקומען. ר' משה היה'לעס האט ארויסגעזאגט זיינע אנזיכט, אז פּאָלינסקי איז אונשולדיג.

—וויא וועט איהר אבער פערענטפערן דעם פאַקט וואס זיין מעסער פּאסט זיך אזוי גוט אין דער וואונד פון דעם ערמארדעטען?—האט סאַלטיקאָוו איהם געפרעגט.

—דאס וועט זיך מיט גאטס הילף שוין אויסגעפינען—האט ר' משה געענטפערט—אבער מיר זאגט מיין הארץ אז פּאָלינסקי האט ניט בעגאנגען דעם מאָרד, און איך האָף צו גאט אז ער וועט אונז מיט זיין חסד פארשפּאָרן דאס אונגליק צו זעהן איינעם פון אונז פאראורטהיילט אלס מערדער אומזיסט. אונזער מזל איז שוין אזעלכער אז מען האלט אונז אלעמען פעראנט־

וואָרטליך פארן יחיד, און דעריבער איז מיר דאס זעהר נוגע. איך וואלט געוועזן א בעלן צו אָפּפערן א גרויסען טהייל פון אלץ וואס איך האב און אייניגע פון מיינע ברי־דער וואלטען געטהון דאסזעלבע ווענן עס זאל מעגליך זיין דעם אונגליקליכען פּאָלינסקי וויא געהעריג צו פערטהיידיגען.

דער אָנצוהעריגם פון ר׳ משה חיה׳לעס איז דעם גראף סאלטיקאוו אריין אין נאָז. ער האט זיך פאראינטערעסירט, איהם איז איינגעפאלען אז דאָ איז נאך פיליכט דאָ אַ געלעגענהייט צו מאַכען אַ מטבע אויך.

—וואס קענט איהר טהאן פיר אַ גע־העריגע פערטהיידיגונג פון דעם בעשולדיג־טען?—האט סאלטיקאוו געפרעגט.

אלס ר׳ משה האט דערהערט אזעלכע קלארע דבורים, איז ער אויף ארויס אפען, האט דערצעהלט וויא אזוי ער האט איבער־גענומען דיא אפּיטרופּסות איבער אהרן ראָ־זינסקי׳ס פערמעגען, וויא אזוי ער וויים פון דיא 20 טויזענד רוביל וואס ער, סאלטי־קאָוו, איז שולדיג, און דאס דער חוב וועט אָפּגעמעקט ווערין פאר דיא רעטונג פון פּאָלינסקי.

ווען גראף סאלטיקאוו האט דאס אויס־געהערט איז ער פריהער דערשראקען געווארן אביסל און האט מיסטרויאיש אָנגעקוקט דעם אלטען אידען וואס האט צו איהם גערעדט, און האט זיך ניט געקענט ענט־שליסען וויא אזוי ער האט צו האנדעלן. דאנן האט ער געמאכט א בייזען און בעליי־דיגטען פּנים, און האט אויסגערופען:

—עס איז אייער גליק, משה, וואס איך קען אייך צו גוט, זאנסט וואלט איהר איצטער פערדינט צו זיטצען דארט וואו פּאָלינסקי זיצט איצטער. איהר קומט מיר סטראשען מיט חובות וואס איך האב קיינמאהל ניט געמאכט און איהר קומט אנבאטען בע־שטעכונג צו בעפרייען א מורדער. דאס זיינען צוויי פערברעכען פאר וועלכע אונ־זער סוואָד זאקאָנאָוו האט בעשטימטע שטראפען.

—איך האב ניט גערעדט פון בעשטע־כונג—האט ר׳ משה געענטפערט—זאנדערן פון א ריכטיגע פערטהיידיגונג; און וועגען דעם חוב, איז דאס וואהרשיינליך אַ פאר־זעהן פון מיין זייט, און איך מוז נאך אמאל נאכזעהן דיא ביכער פון דעם פערשטאר־בענעם.

דערמיט האט זיך ר׳ משה חיה׳לעס ענטשולדיגט און איז אוועקגעגאנגען.

אבער צופרידען איז ר׳ משה חיה׳לעס נאטירליך ניט געוועזן. ער האט געפיהלט אז סאלטיקאוו׳ס הלוואה האט עטוואס גע־האט צו טהון מיט דעם מאָרד פון אהרן ראזינסקי, אבער אויף וועלכען אופן, דאס

האט ער זיך ניט געקענט פארענטפערן.

—איך מוז זוכען וויטער—האט ר׳ משה היה׳לעס געמורמעלט פאר זיך אוועק־געהענדיג—איך מוז זוכען; יגעת ומצאת! אז מען זוכט געפינט מען.

5.

דער יום הדין.

נאך פילע מאָנאטע זיינען פאראיבער און דער פּראָצעס פון אלבערט פּאָלינסקי איז ענדליך פארגעקומען פאר דעם אָקרוזשנאָי סוד פון ווארשא. דיא אורזאכע פון דיא פערצעגערונגען איז געווען דער סלעדאָוואטעל נאָוויקאָוו. צו האט ער דעם פּראָצעס פארצויגען בכיון דערפאר וואס גראף סאלטיקאוו האט נאך דערווייל ניט געהאלטען זיין וואָרט, אויסצו־ווירקען פאר איהם (נאָוויקאָוו׳ן) א העכערע שטעלונג, און נאָוויקאָוו האט דעריבער איינגעהאלטען פּאלינסקי׳ס פּראָצעס פּונקט וויא דער מלוה וואס האלט איין א משכון, אדער האט ער ווירקליך קיין צייט ניט געהאט, וויא ער פלעגט זיך אלץ ענטשולדיגען—נאר וויא דיא מעשה איז, עס האט זיך פארצויגען, און עס האט גענומען לערך א יאהר און א האלב ביז דער פּראָצעס איז ענדליך פאָרגעקומען.

דיזע אנדערטהאלב יאהר האבען געמאכט אויף דעם אונגליקליכען פּאָלינסקי א געוואלטיגען איינדרוק, אויף זיין געזונד וויא אויף זיין גייסט. ער איז געווען בעדעקט מיט א בלאַסקייט וואס עראינערט אָן טויט, און איז געווען גלייכגילטיג צו זיין אומגעבונג, פּונקט וויא ער אליין וואלט זיך בעטראכט פון אנאנדער וועלט.

פון צייט צו צייט, אין פערלויף פון דיזע אנדערטהאלב יאהרען, פלעגען איהם צוויי בעוואפענטע סאָלדאטען—וויא דיא מאָדע איז אין רוסלאנד, פיהרען צום סלעדאָוואַטעל, נאָוויקאָוו, וועלכער פלעגט דיזע אויספארשונגען מאכען, נאר פון יוצא־וועגען. האט משמעות געפּיהלט וועלכע געוויסענס־ביסע איבע־ זיינע האנדלונג. זייענדיג איבערצייגט אז דער געפאנגענער איז אונשולדיג האט ער דאך געהאט איבערנומען דיא מיסיאָן צו פארשיקען איהם אין קאַטאָרגע. פיליכט האט פּאָלינסקי געהאט דיזען אומשטאנד צו פערדאנקען וואס נאָוויקאוו פלעגט איהם גוט בעהאנדלען, נאר ניט וויא איין ארעסטאַנט וואס מען בעשולדיגט אין מאָרד. ער האט זאגאר בעשטעלט אז מען זאל איהם ניט אָנטהאָן אין קייטען, וויא מען טהוט געוועהנליך צו געפאנגענע אונטער אזעלכע שווערע בעשולדיגונגען.

דאגעגען אבער דיא בעאמטע פון גע־

פענגנים האבען גאר ניט געצווייפעלט אין פאָלינסקי׳ס שולד און האבען איהם אונטער זיך שוין לאנג געהאט פעראורטהיילט. אין דיא ערשטע צייטען פלעגט פאָלינסקי ביי יעדער געלעגענהייט בעהויפטען זיינע אונ־שולד, פלעגט זוכען צו איבערצייגען אז ער איז אונשולדוג אין דעם שרעקליכען פער־ברעכען; אבער מיט דער צייט האט ער איינגעזעהן אז מען גלויבט איהם סיי־וויא־סיי ניט, און ער האט עס אויפגעגעבען. אויף אלע רייד, אויף אלע בעליידיגונגען און שטעך־ווערטער פלעגט ער ענטפערן מיט שווייגען, און דיזעס איינג׳עקשן׳טע שטיל־שווייגען פלעגט נאך מעהרער אויפברייגגען דיא געפענגנים־בעאמטע געגען איהם.

אבער דער טאג פון משפט איז ענד־ליך אנגעקומען.

אונטער דיא אידען פון ווארשא האט דיא בעקאנטמאכונג דורך דיא צייטונגען פון פאָלינסקי׳ס פראָצעס געמאכט א גרוי־סען רושם, אבער מעהר ניט וויא אונטער דיא אידען. עס איז דאנן געווען א צייט ווען אידען זיינען געמאָרדעט און געראובט געווארן אין פערשידענע געגענדען פון רוס־לאנד און פון פוילען, און איין איד מעה־רער אדער איין איד ווענינער ערמאָרדעט איז געווען גאנץ גלייכגילטיג פיר ווארשא.

דער געריכטסזאל איז געווען אָנגע־פאקט מיט נייגיעריגע, דארונטער פיל אידען. דער פרעדסיעדאטעל (פאָרזיצענדער) פון געריכט איז געווען איין פאָליאק וואס האט זיך בעקעהרט צו דער רוסישער פראוואָ־סלאווגער קירכע, און איז געווען פערהאסט פון פאָליאקען וויא פון אידען.

אלס מען האט אלבערט פאָלינסקי אריינגעפיהרט אין געריכטסזאל האט זיין ערשיינען געמאכט א גוטען איינדרוק אויף דאס פובליקום. ער האט אויסגעקוקט קריינק־ליך, אנגעגריפען, בלאס, אבער ער האט זיך פערהאלטען זעהר רוהיג און קאלט־בלוטיג, און וויא אייגער וואס וויים זיין ווירדע. נאר טראָטץ דעם האט יעדערער אין געריכטסזאל געגלויבט אז ער איז שול־דיג. נור איין אייציגעס הערץ וועלכעס האט שיער צוזאמענגעבראָכען פאר שמערץ האט זיך איינגעפונען אין א ווינקעל פון געריכטס־זאל, וואס האט ניט געגלויבט אז פאָלינסקי איז שולדיג. דאס איז געווען דאס הערץ פון מירעלע, דיא טאכטער פון דעם ער־מאָרדעטען.

אלס דיא עדות געגען דעם אנגעקלאג־טען האבען אויסגעזאגט אלץ וואס זיי האבען געהאט צו זאגען האט עס אויסגעזעהן זעהר שווארץ פיר דעם אנגעקלאגטען. וועלכער איז געשטאנען צווישען דיא ביידע סאָלדא־טען, אנגעשפארט אָן וואנד.

פריהער האבען דיא וואלד־היטער דער ציילט וויא אזוי זיי האבען ענטדעקט דיא לייכע און דאס מעסער; דאנן איז רחל, דיא פרוי פון דעם ערמאָרדעטען, גערופען גע־ווארן אויסצוזאגען וואס זיא וויים וועגען דאס אייגנעגטהום וואס איהר מאנן האט געהאט ביי זיך אלס ער האט פארלאזען דאס הויז, און ענדליך איז אויך גערופען געווארן דיא שיינע מירעלע, וועלכע האט ציטערענדיג דערציילט, דאס פּאָלינסקי איז אימער געוועזן זעהר גוט צו דער גאנצער פאמיליע און האט אימער געהאָפט אז ער וועט פועלין ביי איהר פאטער צו קריגען איהר האנד. זיא האט געענדיגט איהר אויסזאגע מיט דעם אויסרוף, דאס זיא איז איבערציינגט אין דער אונשולד פון דעם אנגעקלאגטען, אבער דער פרעדסיעדאטעל האט איהר געהייסען שווייגען, ווייל מען פרעגט ביי איהר קיין מיינונג ניט. דער פּאָרזיצענדער האט זיך אפילו ערלויבט צו בעמערקען, דאס עס קוקט אויס זעהר ניט שעהן פאר א יונגע מיידעל זיך אנצונעהמען פאר א מאנן וואס ווערט בעשולדיגט אין דער ערמאָרדונג פון איהר פאטער. מירעלע האט דאנן געווארפען א בליק פול האס און צאָרן אויפען ריכטער און האט נאך אמאל ווידערהאָלט: „איך בין איבערציינגט אין זיין אונשולד!"

גאר צום לעצטען האט דער סעקרע־טאר פון געריכט פאָרגעלעזען דאס גע־שטענדניס פון געפאנגענעם אליין אז דאס מעסער געהערט איהם, פּאלינסקיין, און דערמיט האט דיא בעשולדיגונג געשלאסען.

דיא אויסזאגען פון מירעלע האבען געווירקט אויפען געפאנגענעם וויא באל־זאם. זיינע אויגען האבען אויפגעשטראהלט פאר פריידע און ער האט זיך שטאָלץ אויפ־געריכטעט, פונקט וויא דיא גאנצע וועלט וואלט איהם געהאט ערקלערט פאר אונשולדיג.

זיא איז איהם דאָך געבליבען טריי. זיא גלויבט אין זיין אונשולד. דיזעס בע־וואוסט זיין האט איהם געגעבען מוטה.

דער פּאָרזיצענדער האט זיך צום שלוס, וויא דיא פאָרמע איז, געווענדעט צום געפאנגענעם:

—„אָבוויניאָעמי"! (אנגעקלאגטער), האט איהר עטוואס צו זאגען פיר אייער פערטהיידיגונג?

—יא, הערר פּאָרזיצענדער—האט פּאָ־לינסקי רוהיג געענטפערט—איך האב צו זאגען אז איך בין אונשולדיג.

—דאס איז זעהר ווייניג געזאגט. איהר האט אליין מודה געווען אז דאס מעסער, מיט וועלכען דער מאָרד איז אָהן צווייפעל בעגאנגען געווארן געהערט צו אייך.

—יא הערר פּאָרזיצענדער! דאס מעסער געהערט מיר, און עס איז אויך מעגליך אז עס האט אויך ערמאָרדעט אהרן ראזינסקי, אבער ניט מיין האנד האט בעגאנגען דעם שענדליכען פערברעכען.

אלע אויגען זיינען געווען געריכטעט אויפען געפאנגענעם אלס ער האט גערעדט דיזע ווערטער, און דער רוהיגער איבערציי־גענדער טאָן אין וועלכען ער האט עס ארויסגעזאגט האט, וויא עס האט אויסגע־וויזען, געמאכט איין איינדרוק.

—אנגעקלאגטער! —האט דער פּאָרזי־צענדער וויטער גערעדט—איהר בעהויפּטעט אז איהר האט אייער מעסער פארלאָרען איינינע צייט פאר דעם מאָרד, און דאס אין דעם אבענד פון דעם מאָרד האט איהר זיך אומגעקעהרט פון אהרן ראָזינסקי צו דער אַקאַדעמיע, וואו איהר האט בייגעוואוינט אַ פערזאמלונג פון סטודענטען. איז דאס אזוי?

—יא, הערר פּאָרזיצענדער.

—וועלכע בעווייזע האט איהר דאפיר?

—בעווייזע? זיינען דען ניט געקומען אהער סטודענטען וועלכע זיינען מיט מיר צוזאמען געווען דאנן ביי יענער פערזאמלונג?

און וועהרענד פּאָלינסקי, האט דיזעס געזאגט אין אַ טאָן פון פערצווייפלונג, און האָפנונגסלאָזיגקייט, האט ער ארומגעפיהרט זיין בליק איבערן פּובליקום אין געריכטס־זאל, ביז זיין אויג איז געפאללען אויף דאס געזיכט פון אנדרעיעוו, דעם שפּיאָן־סטור־דענט. וועלכער איז געזעסען אין א ווינקעל פונקט וויא ער וואלט זיך וועלין אויסהיטען אז מען זאל איהם ניט דערקענען.

דאס געזיכט פון דעם געפאנגענעם האט פּלוצלונג אנגענומען א טריאומפירענ־דע מינע.

—דארטען זיצט איינער!—האט פּאָלינ־סקי אויסגערופען—דארטען זעה איך א סטודענט וואס איז יענעם אבענד געווען מיט מיר צוזאמען ביי דער פערזאמלונג אין אוניווערזיטעט.

דאס גאנצע פּובליקום האט זיך אומ־געקעהרט מיט דיא אויגען אויף אנדרעיעוון. דיזער איז געווארן רויט און בלאס אבוועכס־לענד, האט זיך געפרובט אויפהויבען און און האט זיך צוריק אנידערגעזעצט, און האט ארויסגעוויזען אלע צייכען פון אונרוהע און אויפרעגונג. סאלטיקאוו, וועלכער איז זעלבסטפערשטענדליך אויך געווען אין גע־ריכטסזאל און איז געזעסען ניט ווייט פון אנדרעיעוון האט זיך געביסען דיא ליפּען פאר ערגערניס.

דער פּאָרזיצענדער האט געקלאפּט מיט דער האנד אויפען גלעקיל און דער סודעבני פּריסטאוו האט אויפגעפאָדערט דאס פּוב־

ליקום זיך צו פערהאלטען רוהיג, וועהרענד דער פאָרזיצענדער האט געזאגט לויט:

—ווער דארטען איז, זאל קומען אהער פאר דער באריערע פון געריכט, און זאל זאגען אויב דער געפאנגענער האט געזאגט די וואהרהייט.

אין געריכטסזאל איז געווארען א טויטע שטילקייט. יעדער איינציגער האט איינגעהאלטען דעם אָטהעם און איז געזעסען אין דער העכסטער שפאנונג, אלס אנדרעיעוו האט זיך אויפגעהויבען, און איז, ציטערענדיג פאר אויפרעגונג, צוגעגאנגען נאָהענט צום טיש, ביי וועלכען די ריכטער זיינען געזעסען.

—ווי הייסט איהר?—האט דער ריכטער געפרעגט עטוואס ערנסטליך.

—סטעפאן אקימאָוויטש אנדרעיעוו.

—וואס איז אייער בעשעפטיגונג?

—סטודענט פון מעדיצין.

—זייט איהר געוועזען ביי א פערזאמלונג פון סטודענטען אם אבענד פון 24-טען מאי ווען דער מאָרד פון דעם אידען ראָזינסקי איז געשעהן?

אנדרעיעוו איז געווען אין דער העכסטער פערווירונג, אבער ער האט מורא געהאט צו זאגען א ליגען. ער האט מורא געהאט, טאמער זיינען דאָ נאך וועלכע סטודענטען אין פובליקום, און ער האט שיכטערן געענטפערט:

—מיר שיינט, יא, איך בין געווען.

—איך שיינט?—האט זיך דער פאָרזיצענדער געוואונדערט—קענט איהר זיך ניט ערמאנערן אויף געוויס.

—אָ, יא, איך וויים בעשטימט, איך בין דאָרט געווען.

—ווי אזוי ווידער ווייסט איהר דאס אזוי בעשטימט?—האט דער פרעזידענט געפרעגט שארפזיניג.

—איך געדענק דאס. דערפאר וואס דער רעפעראָט פון יענעם אבענד וואס איך האב דאמאלס אויסגעמאכט איז געווען דאטירט פון 24-טען מאי.

—וועלכער רעפעראָט?

אנדרעיעוו האט ביי דיזער פראגע זיך געטהאן א חאפ פונקט ווי איינער וואס לאזט ניט ווילענדיג עטוואס פאלען פון האנד און וויל עס דערחאפען. ער האט זיך אין זיין אויפרעגונג פארראדט מעהר אלס ער האט געוואלט, און האט ניט מעהר געקענט נעהמען צוריק. ער האט זיך געביסען די ליפען ביז בלוט פאר ערגערניס. סאלטיקאָוו האט געמאכט פויסטען, האט געקריצט מיט די ציינער, און האט געשיקט זיין פריינד אנדרעיעוו צו אללע טייפעל.

—וועלכער רעפעראָט?—האט דער פאָרזיצענדער נאך אמאָל איבערגעפרעגט.

—דער רעפאָרט וואס איך האב געגעבען אלס סישציק (דעטעקטיוו) צו דער קאנצעלאריע פון זשענדארמסקי.

—איהר אלס סישציק?

—יא,—האט אנדרעיעוו געענטפערט און איז בלאס געווארן.

דער אנגעקלאגטער פּאָלינסקי האט אויסגעגלאָצט אין שרעק זיינע אויגען אויף אנדרעיעווין, אויף וועמען ער האט זיך געוואלט פארלאזען, און וועמען ער האט אויפגעפאָדערט אלס עדות פיר זיינע אונשולד, און האט אראפגעלאזען דעם קאפ אין פערצווייפלונג, אלס ער האט דערהערט אנדרעיעוו'ס לעצטע ווערטער.

—דער געשריבענער רעפאָרט איז דער בעסטער בעוויז—האט דער פרעדסיעדאטעל בעמערקט—הערר פריסטאוו— האט זיך דער ריכטער ווייטער געווענדעט צום סודעבני פריסטאוו—געהט מיט דעם מאנן צום זשענדארמסקי און פערלאנגט אז מען זאל פון דארטען צושיקען איינעם מיט דעם געשריבענעם רעפאָרט פון אנדרעיעוו וועגען דער סטודענטען-פערזאמלונג פון 24-טען מאַי.

וועהרענד דער סודעבני פריסטאוו האט פארלאזין דעם געריכטסזאל האבען זיך איינגעשטעלט נאך א פאָר סטודענטען פריינדע פון אנגעקלאגטען, וועלכע האבען אויסגעזאגט מיט בעשטימטהייט דאס זיי האבען געזעהן אם 24-טען מאַי, אום 7 אוהר אבענדס, דעם אנגעקלאגטען ביי דער פערזאמלונג פון דיא סטודענטען אין דער אוניווערזיטעט, דאס ער האט זיך דאגן געהאלטען פונקט אזוי פריי און אונגעצוואונגען וויא אימער, דאס מען האט אויף איהם ניכטס אונגעוועהנליכעס בעמערקט, און דאס ער האט פארלארען זיין מעסער ביי א קליינעם סטודענטען־באנקעט מיט עטליכע וואכען פריהער, איינער פון דיזע סטודענטען האט אויסגעזאגט אז ער האט בעמערקט פונקט אזא מעסער ביי אנדרעיעוו'ן, אבער ער איז ניט זיכער אז דאס איז געוועזן דערזעלביגער.

דער פרעדסידאטעל האט דיזע אויסזאגען בעהאנדעלט זעהר אויבערפלעכליך און האט זיך אפילו אויסגעדריקט, דאס דיא סטודענטען שיינען געטרייבען צו זיין פון פריינדשאפט צום געפאנגענעם פונקט אזוי וויא פון שנאה צו אנדרעיעווין וועלבער האט זיך ארויסגעצייגט אלס שפיאָן, או דערפאר קען ער זיי, דיא סטודענטען ניט אין גאנצען גלויבען.

אין דער צייט וואס דיזעס איז פאָרגעקומען זיינען סאלטיקאוו מיט נאָוויקאוו געזעסען אין א ווינקעל פון געריכטסזאל און האבען זיך שטיל, אבער זעהר ערנסט אונטערהאלטען.

—דער דומקאָפּף אנדרעיעוו קען דאָ אנמאַכען אַ שעהן שפּיעל, אויב ער האט שוין ניט אנגעמאכט—האט געזאגט נאוויקאוו—זיין געשריבענער רעפּאָרט קען דעם זשיד מעהר ניט וויא העלפען.

סאַלטיקאוו איז געזעסען בלאָס און שטיל און האט קוים אונטערדריקט זיין אויפרעגונג.

דערווייל איז צוריקגעקומען דער סודעבני פּריסטאַוו טראָגענדיג אַ פּאַקעט, און אנדרעיעוו מיט איהם. דיזער איז געווען זעהר נערוועז, און האט ארויסגעוויזען זיינע אויפרעגונג אין יעדער פון זיינע בעוועגונג.

דער פּרעדסיעדאַטעל איז דורכגעפלויגען מיט דיא אויגען דעם אינהאלט פון דיא פּאַפּירען, וועלכע דער סודעבני פּריסטאַוו האט געבראכט, און האט עס דאנן אויך געוויזען צו דיאביידע ריכטער וואס זיינען איהם געזעסען פון דיא זייטען. עס איז געווען ביי זיי אַ קליינער ישוב הדעת, צו קען מען דעם רעפּאָרט לעזען פאר דיא געשוואָרענע, צו דאס וועט ניט זיין איין ענטדעקונג פון אַ פּאָליטישען געהיימניס. ענדליך האבען זיי ענטשלאָסען דעם רעפּאָרט יאַ פּאָרצולעזען, און דער ריכטער האט עס דערלאנגט אנדרעיעוו'ן מיט דער אויפּפאָדערונג ער זאל עס לעזען אויפען קול.

אנדרעיעוו האט געציטערט אם גאנצען קערפּער אלס ער האט גענומען דעם פּאַפּיער אין האנט. וויא דיא מייסטע שפּיאָנען איז ער געווען אַ גרויסער פּייגלינג, און דער געדאנקען זיך ארויסצו־ווייזען עפענטליך אלס שפּיאָן האט איהם זעהר וועה געטהאן. ביז דעם טאג האט זיך איהם איינגעגעבען צו פאַרדעקען זיין בעשעפטיגונג אלס שפּיאָן און נאר בעקאנט צו זיין אלס סטודענט פון מעדיצין. אויסערדעם האט ער געוואוסט דאס מיט זיין יעצטיגער האנדלונג אין געריכט האט ער אין גאנצע פערשפּילט דיא גונסט פון סאַלטיקאוו, וועלכע ער האט זעהר הויך געשעצט.

מיט אַ שטימע וואס האט צו־וויילען געציטערט פאר אויפרעגונג האט אנדרעיעוו פאָרגעלעזען זיין רעפּאָרט, בעשרייבענדיג, וויא אזוי ער האט אם 24־טען מאי 1883 בעאָבאַכטעט דיא בעוועגונג פון איינ'גע סטודענטען און דארונטער אויך אלבערט פּאָלינסקי; ער האט דערציילט וויא אזויא אלבערט פּאָלינסקי האט אן יענעם טאג, נאכמיטאג, אומשפּאצירט ארום דיא הויז פון אהרן ראָזינסקי, פּונקט וויא דערוואַרטענדיג איינעם, וויא אזוי אהרן ראָזינסקי, האט אום 5 אוהר פאַרלאזען זיין הויז און האט אָנגעטראָפען פּאָלינסקי'ן דרויסען, און וויא אזוי זיי זיינען ביידע אריין אין אַ

העפטיגען געשפּרעך, פון וועלכען ער, אנד־רעיעוו, האט געקענט פארשטעהן דאס זיי קריגען זיך.ביידע, אהרן ראָזינסקי און דער אנגעקלאגטער, זיינען ביידע, אזוי רייד׳ענדיג אוועק נאט דער ריכטונג פון נאָווי־סוואָט.

—זייט איהר זיי נאכגעגאנגען?—האט דער פּאָרזיצענדער געפרעגט אלס אנדרעיעוו האט געענדיגט לעזען דעם בעריכט.

—ניין, הערר ריכטער, איך האב יע־נעם אבענד געוואלט קומען בעציימען צוא דער פערזאמלונג.

—ווען האט איהר נאכהער געזעהן דעם אנגעקלאגטען?

—ארום אכט אוהר דעמזעלביגען אבענד; ער איז אויך געקומען צו דער פערזאמלונג.

—וואס האט אייך געמאכט אזוי גענוי בעאָבאכטען דיא בעוועגונג פון דעם אנגע־קלאגטען אין יענעם אבענד?—האט דער פּארזיצענדער געפרעגט.

אנדרעיעוו איז געבליבען שטעהן זעהר צומישט און פערווירט אין האט מורא גע־האט צו ענטפערן. אום צוזאגען דיא וואהר־הייט וואלט ער געמוזט ענטדעקען, דאס ער האט בעאָבאכטעט פאלינסקי ווייל סאלטיקאוו האט עס איהם געהייסען. דאס האט ער מורא געהאט צו טהאָן. אויסער־דעם האט ער אויף זיך געפיהלט דעם מערדערישען בליק פון סאלטיקאוו, וועלכער איז געזעסען אין א ווינקעל פון געריכטס־זאל נאהענט צום פּראָקוראָר, און האט פון איהם, אנדרעיעוון, קיין אויג ניט ארונטער־גענומען. און ווידער זאגען א ליגען, האט ער ניט געוואוסט אין דעם אויגענבליק וויא אזוי דאס צוזאגען אז עס זאל גלאַט אראָפּגעהן.

דער פארזיצענדער פון געריכט׳ האט אונגעדולדיג איבערגעחזרט זיין פראגע און האט געוואַרט אויף איין תשובה.

—איך האב... געהאט... אויף איהם א חשד—האט אנדרעיעוו ארויסגע־שטאַמעלט.

—האט איהר פון איהם בעמערקט וועלכע האנדלונגען וואס האט אייך בערעכ־טיגט צו האבען א חשד אויף איהם?—האט דער ריכטער געפרעגט.

אנדרעיעוו האט ווידער ניט געוואוסט וואס צו ענטפערן און איז געשטאנען איי־ניגע אויגענבליקע אין דער פּיינליכסטער פערלעגענהייט; נאכהער האט ער געענט־פערט:

—איך האב קיין אנדער האנדלונג פון איהם געזעהן, אויסער וואס זיין אלגעמיי־נער בענעהמען, זיינע האָר, זיינע קליידונג און אזוי ווייטער, האבען מיר געמאכט דיינ־קען דאס ער איז א ניהיליסט.

—„בראוואָ“—האט סאלטיקאוו געמור־

מעלט צו זיך אליין—ענדליך האט זיך דער עזעל ארויסגעדרעהט אויף א גלייבען וועג.

סאלטיקאוו האט געוואוסט דאס וואו נאר עס האנדעלט זיך וועגען א ניהיליסט הערט א רוסישער בעאמטער אויף צו פרע־גען שאלות. און ווירקליך, דער פארזיצענ־דער און דיא אנדערע צוויי ריכטער הא־בען פערשטענדניספאל צוגעשאקעלט מיט דיא קעפ, פונקט וויא איצטער איז זיי אלעס רעכט געווארן.

אין דעם אויגענבליק האט זיך אויפ־געהויבען ר' משה ח״ה־לעס, וועלכער איז געזעסען אנגעשפארט אויף זיין שטעקען אין א צווייטען ווינקעל פון זאל אנטקעגען סאל־טיקאוו'ן, און האט צוגעוואונקען צום אד־וואקאט וואס האט געזאלט פערטהיידיגען דעם אנגעקלאגטען, און האט איהם עטוואס איינגערוימט אין אויער. דיזער איז באלד צוגעגאנגען צום בארייער און האט גאנץ שטיל עטוואס געזאגט צום פארזיצענדען ריכטער. דיזער האט זיך דארויף נאך א מאל געווענדעט צו אנדרעיעוו'ן און האט געפרעגט:

—איז דאס אמת, הערר אנדרעיעוו, דאס איהר האט בעוואכט אהרן ראזינס־קי'ס הויז אויף דעם פערלאנגען פון גראף סאלטיקאוו.

אייניגע סעקונדען איז אנדרעיעוו גע־בליבען שטעהן אזוי וויא פאראליזירט. ער האט געעפענט דיא ליפען צום ריידען, און האט אין דעם ערשטען אויגענבליק ניט געהאט קיין ווערטער. דיא פראגע איז גע־שטעלט געווארן אזוי דירעקט, דאס נור א דירעקטע תשובה מוז אויף איהר געגעבען ווערען. אבער וואס קען ער ענטפערן? דעם אמת? דאנן מישט ער אריין סאלטיקאוו'ן און ער וועט זיין צווישען צוויי פלאמען. זאל ער זאגען א ליגען? דאנן איז ער אין סכנה אויב דאס זאל זיך ארויס־שטעללען, און ער האט צו גוט געקענט סאלטיקאוו'ן אום זיך אויף איהם צו פארלאזען, אז ער זאל איהם ארויסהעלפען. אין דערזעלביגער צייט האבען זיך אלע אויגען אומגעקעהרט אויף סאלטיקאוו'ן וועלכער האט אנגעשטרענגט אלע זיינע כוחות אום ניט ארויסצו־ווייזען א סימן פון שרעק אדער אויפרעגונג. אבער דער פרעדסידאטעל האט אונגע־דולדיג געווארט אויף דיא תשובה און אנ־דרעיעוו האט ניט פיעל צייט געהאט זיך צו איבערלייגען, און ער האט ארויסגערעדט:

—יא.

איבערן געריכטסזאל איז אריבער א געמורמעל, בעזאנדערס אין יענעם טהייל פובליקום וואו עס זיינען געזעסען מעהרער יידען. דער פארזיצענדער האט געקלונגען עטליכע מאל און האט בעקאנט געמאכט

דאס אויב דאס פובליקום וועט זיך ניט פערהאלטען רוהיג, וועט ער הייסען פארלאזען דעם זאל.

—וואס איז געווען אייער אבזיכט ווען איהר האט בעוואכט דאס הויז פון ראזינסקי?—האט דער ריכטער ווייטער געפרעגט.

—קיינע אבזיכט; איך האב עס נאר געטהאן ווייל גראף סאלטיקאף האט עס פערלאנגט.

—ווייסט איהר וועלכען צוזאמענהאנג צווישען דעם מארד פון ראזינסקי מיט דעם אנגעקלאגטען אין דעם אבענד פון מארד?

אנדרעיעוו אליין האט ניט געוואוסט וויא וויכטיג עס איז פיר סאלטיקאוו'ן דאס פאלינסקי זאל פערואורטהיילט ווערין; ער האט דעריבער געענטפערט גאנץ אויפריכטיג:

—איך ווייס נאר אזוי פיעל דאס אום 8 אוהר איז פאלינסקי שוין געווען ביי דער סטודענטען־פערזאמלונג אין דער אוניווערזיטעט.

דער פראקוראר האט דאראויף פערלאנגט, דאס גראף סאלטיקאוו וועלכער געפינט זיך אין געריכטסזאל, זאל מאכען איינע אויסזאגע. גראף סאלטיקאוו האט זיך אויפגעהויבען און איז רוהיג צוגעגאנגען צו דער באריער. אויף דאס בעפראגען פון פרעדסידאטעל האט ער געענטפערט, דאס איהם איז מיטגעטהיילט געווארען פון געהיימע אונד אונגעזעטצליכע סטודענטען־פערזאממלונגען אין וועלכע דער אנגעקלאגטער פאלינסקי נעהמט א גרויסען אנטהייל אזוי וויא פאלינסקי איז א שטענדיגער איינגעהער געוועזען אין הויז פון אהרן ראזינסקי, דעריבער האט ער, סאלטיקאוו. געבעטען אנדרעיעוון צו בעאבאכטען דאס הויז.

אויף דאס פערלאנגען פון פאלינסקי'ס אדוואקאט האט דער פרעדסידאטעל געפרעגט דעם גראף אויב ער האט פערזענליך געקענט דעם ערמארדעטען און צו האט ער מיט איהם געהאט וועלכע געשעפטען. סאלטיקאוו האט געענטפערט גאנץ רוהיג, דאס ער האט געזעהן ראזינסקי א פאר מאהל, דאס ראזינסקי האט איהם אנגעבאטען איין הלוואה פון 20 טויזענד רוביל, נאר אזוי וויא ער האט פערלאנגט צו פיעל פראצענט, איז פון דעם עסק ניט געווארן.

אלע אידען אין געריכט האבען געוואוסט אז דאס איז ליגען, אויך דער אדוואקאט פון פאלינסקי האט עס געוואוסט, אבער ער האט ניט געוואגט נאך ווייטער צו פרעגען. אין רוסלאנד שפאסט מען ניט מיט א בעאמטען פון גענעראל־גובערנאטארס קאנצעליאריע. אויסערדעם איז ער געוועזען געשיידט גענוג ארויפצורווארפען אויפ'ן געפאנגענעם דעם חשד דאס ער איז פאר־

מישט אין געהיימע פערזאממלונגען, און אין אזא פאל טאר קיינער ניט פרעגען קיין קשיות פאר וואס מען האט בעוואכט דאס הויז וואו ער פלעגט אריינקומען.

דערמיט האבען זיך געענדיגט דיא אויסזאגען פון דיא עדות און דער פראקוראר האט אנגעפאנגען זיינע בעשולדיגונגס־רעדע. ער האט געוויעזען אז פאלינסקי איז איבערהויפט א פארדארבענער מענש, דען אויף וואס קען טויגען א מענש, וואס בעזוכט געהיימע פערזאממלונגען, דאס א מענש וואס בעזוכט געהיימע פערזאממלונגען איז אויך פעהיג צו בעגעהן א מארד; דאס דער מעסער מיט וועלכען דער מארד איז בעגאנגען געווארן געהערט צו איהם; דאס אזוי וויא אהרן ראזינסקי האט ניט צוגעלאזען אז ער זאל זיך דרייען ארום זיין טאכטער האט ער, פאלינסקי, געוויס געהאט א כעס אויף איהם; דאס דער ווידערשפרוך צווישען צייט פון מארד און דער צייט פון דער סטודענטען־פערזאמלונג איז גאר ניט וויכטיג, ווייל דיא מוזשיקעס האבין געוויס א טעות אין א פאר שטונדען. קורץ, דאס פאלינסקי האט געוויס בעגאנגען דעם מארד, און דעריבער פערלאנגט ער, דער פראקוראר, פון דער דשורי, דאס זיי זאללען דעם אנגעקלאגטען געפינען פאר שולדיג.

דער אדוואקאט האט דאן אנגעהויבען זיין רעדע דערמיט, וואס ער האט געגעבען איין איבערבליק איבער דאס גאנצע לעבען פון פאלינסקי, וויא אזוי ער איז געוועזען דער בעסטער שיללער אין גימנאזיום, וויא אזוי ער האט ערנעהרט דורך שטונדען־געבען זיין מוטער און זיך; וויא אזוי דיא לעהרער רופען זיך אפ וועגען איהם מיט דיא בעסטע מינונגען, א. ז. וו., דאן האט דער אדוואקאט בעוויעזען דיא אונמעגליכקייט אז פאלינסקי זאל האבען בעגאנגען דעם מארד צווישען 8 און 10 אוהר און זיין פונקט 8 צוריק אין אוניווערזיטעט, ווען דער גאנג פון נאוויסוויאט ביז צום אוניווערזיטעט מוז נעהמען א שטונדע. און דאס מעסער איז ניט געוועזען אין זיין בעזיטץ, וויא עס איז בעוויעזען געווארען דורך עדות.

דער אדוואקאט האט נאטירליך געמוזט זיין זעהר פארזיכטיג, אבער ער האט דאך געמאכט וועלכע אנשפיעלונגען אויף געוויסע בעלי־חובות, וועלכע וועריען פערצווייפעלט ווען זיי זעהען זיך צוגעדריקט צום וואנד, און זיי ענטשליסען זיך אויף דאס אויסערסטע, און אזעלכע בעלי־חובות האט ראזינסקי געהאט פיעלע, ראזינסקי׳ס ווייב און טאכטער האבען עדות געזאגט אז ראזינסקי האט געהאט מיטגענו מען

וועלכע פאפיערען; דאס בעוויזט אז ער איז געגאנגען צו א בעל חוב. צו וועלכען? דאס איז איינע אויפגאבע פיר דיא פאליציי. איין זאך איז בעשטימט דאס פאלינסקי איז ניט געוועזען זיין בעל חוב. און ווען ניט וועלכע פערשיעדענהייט אין מיינונגען וועגען רעליגיאן האבען דיא ביידע מענער, ראזינסקי און דער אנגעקלאגטער, קיין האר ניט געהאט איינער צום צווייטען. דער אנגעקלאגטער האט אויפריכטיג ליעב דיא דיא טאכטער פון דער ערמארדעטען און ער האט איממער געהאפט אז פריהער אדער שפעטער וועט דער פאטער איינוויליגען, און עס איז דעריבער ניט וואהרשיינליך, אז ער זאל ערמארדען דעם פאטער פון דער מיידעל וועמעס ליעבע און רעספעקט איהם איז טהייער.

דיא רעדע פון אדוואקט איז געוועזען זעהר לאגיש און געזונד און האט ניט פארפעהלט צו מאכען איין איינדרוק. טראץ דיא אייסערסטע אנשטרענגונג פון פראקוראר, און טראץ דיא אפענע פיינדליכקייט פון פארזיצענדען, האבען דיא געשווארענע דאך אריינגעבראכט א ווערדיקט פון „ניט שולדיג“.

דיא סצענע וועלכע האט זיך באלד דאראויף אפגעשפילט אין געריכטסזאל לאזט זיך ניט לייכט בעשרייבען א גרויסער טהייל פון פובליקום האט זיך אויפגעהויבען און פריידען־געשרייען און „בראוואָ׳ס“ האבען פארהילכט דעם זאל. דער פארזיצענדער האט געקלונגען מיט כעס און האט בעפאהלען דעם סודעבני פריסטאוו לעער צו מאכען דעם זאל. אבער דאס איז קוים נייטיג געווען. דאס פובליקום האט זיך א ציה געטהאן דרויסען פונקט וויא איין איינגעהאלטענער שטראם וואס איז פלוצלונג לויז געווארן און באלד איז עס בעקאנט געווארן אין גאנץ ווארשא, דאס דער סטודענט פאלינסקי איז פריי.

מירעלע האט געלאזט הערין פון זיך איין פריידענגעשריי און איז בערייט געוועזען זיך צו ווארפען אין דיא ארעמס פון פאלינסקי ווען איהר מוטער וואלט זיא ניט צוריקגעהאלטען.

סאלטיקאוו איז וועהרענד דיזער סצענע געזעסען וויא א פאראליזירטער. איין זאך האט ער פארשטאנען: דיא בעפרייאונג פון פאלינסקי קעהרט דעם גאנצען חשד אויף איהם, אבגלייך זיין הויכע שטעללונג האט איהם ביין פראצעס געשיצט זעהר פיעל. וויא יעדער מענש וואס האט א בייזען געוויסען האט סאלטיקאוו אויך געציטערט פאר צו פיעל אויפמערקזאמקייט פון דער וועלט. ער האט געמוזט זעהן אז פאלינסקי זאל ניט בעפרייט ווערין ער האט פאר־

שטאנען דאס אזוי שנעל וויא פּאָלינסקי וועט ארויס אין פרייהייט. וועט ער ניט רוהען ביז ער וועט אויסגעפינען דעם אמת׳ן מערדער, כדי אראפּצונעהמען פון זיך דעם לעצטען שאָטען פון חשד, און משה חיה׳לעס און אנדערע אידען וועלין איהם געוויס העלפען דערצו.

ווערענד פּאָלינסקי איז אריין אין וואך־הויז ביין געריכט הויז אום זיך איבערצוקליידען, האט סאלטיקאוו אויפגעשריבען אייניגע ציילען אין זיין נאָטיץ־ביכל, האט אויסגעריסען דיא בלעטיל, און האט עס דערלאנגט דעם אָפיציער וואס האט געהאלטען וואַכע אין אָקרוזשנאי סוד.

—איך בין גראף סאלטיקאָוו פון גענעראל־גוברנאטערס קאַנצעלארי—האט ער געזאגט צום אָפיציער וועלכער האט זיך רעספּעקטפול אוועקגעשטעלט פאר איהם מיט׳ן האנד צום שירם פון היטעל—שיקט איינעם פון אייערע סאָלדאטען מיט דיזען צעטיל צום זשענדארמסקי; עס איז העכסט וויכטיג.

—איין אויגענבליק, דורכלויכט—האט דער אפיציער געענטפערט.

עס זיינען קוים פאָראיבער צעהן מינוטען, נאך איידער דיא אויפרעגונג אין געריכטסהויז האט זיך אין גאנצען געליינט, אלס עס זיינען ערשינען צוויי זשענדארמען אין דער בעגלייטונג פון דעם אָפיציער מיט וועלכען סאלטיקאוו האט פריהער גערעדט. אין דעמזעלביגען אויגענבליק האט צוריקגעקעהרט אלבערט פּאָלינסקי אוים דעם וואכטהויז אין זיינע קליידער וועלכע ער האט שוין ניט אָנגעזעהן זייט אָנדערהאלב יאָהר. ער איז געגאנגען אונזיכער, וויא א מענש וואס האט זיך אָפּגעוואוינט פון געהן, זיין געזיכט איז געווען אונגעהייער בלאס, אבער איין אונענדליכעס גליק האט ארויסגעשטראהלט פון זיינע אויגען. ער האט אויסגעשטרעקט דיא האנד און איז געגאנגען צו מירעלע וועלכע איז געשטאנען שטראהלענדיג ביי דער זייט פון איהר מוטער, אלס איינער פון דיא זשענדארמען האט אָפּגעשטעלט פּאָלינסקי און האט איהם געפרעגט:

—זייט איהר אלבערט פּאָלינסקי.

—געוויס.

—דאנן קומט מיט מיר.

—וואוהין.

—דאס וועט איהר שוין זעהן.

—אבער דאס געריכט האט מיך איצטער ערשט ערקלערט אלס אונשולדיג און פריי!—האט פּאָלינסקי געשריען ציטערנדיג אם גאנצען קערפּער.

—דאס געהט אונז ניט אָן; מיר זיינען געשיקט געווארען אייך צו ברייננגען צום זשענדארמסקי, און מיר מוזען געהאָרכען.

—איך בין פערלארן!—האט פאלינסקי געמורמעלט אין פערצווייפלונג, און מירעלע איז מיט איין אויפשריי געפאללען אהנמעכטיג אין דיא ארעמס פון איהר מוטער.

6.

מירעלע און אלעקסאנדער *III.*

ווידער זיינען פאראיבער וואכען און מאנאטע, ווידער איז געקומען א הערבסט, און אלבערט פאלינסקי איז נאך אימער געזעסען אין טורמע, אין א איינצעלנער קאמער, אונטער שטרענגסטער בעוואכונג, אהן דין און אהן משפט.

אין רוסלאנד געהט איבערהויפט א קרימינאל־פראצעס זעהר לאנגזאם צו. דארטען ווייס מען ניט וואס פערזענליכע פרייהייט איז, און דיא פערזענליכע פרייהייט פון א רוסישען אונטערטהאן שפיעלט איבערהויפט קיין ראלע. דעריבער פאס׳רט עס דארטען זעהר אפט דאס אנגעקלאגטע ליגען אפ אין טורמע צו פיער־פינף יאהר ביז זיי קומען צו זייער משפט. מיט פאליטישע פערברעכער, אדער מיט אזעלכע וואס ווערין בעשולדיגט אין פאליטישע פערברעכען געהט עס דארטען צו נאך לאנגזאמער. דיא זשאנדארמעריע, וועלכע איז אין רוסלאנד דיא פאליטישע געהיים־פאליציי האלט דיא זאגענאנטע „פאליטישע" אזוי לאנג אין געפענגניס וויא נור מעגליך, ווייל ווען א מענש ליעגט לאנג אין געפענגניס גיבען זיינע נערוועו נאך, ער ווערט א שוואכלינג, און עס איז פיעל לייכטער ארויסצוקריעגען פון איהם א געשטענדניס (פריזנאניע). אויסערדעם ווער׳ט איינער, וואס האט דאס אונגליק ארויפצוציהען אויף זיך א חשד פון ניט־געטרייהייט צום טראן, איבערהויפט זעהר שטרענג בעוואכט און דיא רעגירונג לאזט איהם ניט גערן ארויס.

גראף סאלטיקאוו האט זיך מיט דיזע אומשטענדען בענוצט. ער האט געוואלט אז פאלינסקי זאלל ניט צוריקגעווינען זיינע פרייהייט, ווייל דאנן וועט ער אין פערבינדונג מיט משה חיה׳לעס ווערין געפעהרליך פאר איהם. און דאס האט ער דורכגעפיהרט דערמ׳ט וואס ער האט עמפפאהלען דעם זשאנדארמסקי פון ווארשעווער בעצירק צו נעהמען געפאנגען פאלינסקי אלס פערדעכטיגען „פאליטיקער", און דער זשענדאראמסקי האט זיך זעלבסטפערשטענדליך ניט געפוילט צו טהאן „זיין פליכט", און נאך דאנן ווען א בעאמטער פון גענעראל־גובערנאטארס קאנצעלאריע פאדערט איהם אויף דאס צו טהאן.

דער מארד פון אהרן ראזינסקי איז שיין דערווייל בכמעט אין גאנצען פערגעסען געווארן. נאר ווען אפילו ער וואלט ביז

צו דער צייט נאך ניט געוועזן פארגעסען, וואלט מען אויך פון איהם ניט גערעדט, ווען א נייע אויפרעגונג האט אנגעפיללט גאנץ ווארשא.

אלעקסאנדער דער דריטער איז ערווארטעט געווארן מיט א בעזוך אין ווארשא. דאס איז געוועזן צו דער צייט ווען ער האט געמאכט זיין רייזע צום דייטשען גרענעץ, וואו ער האט זיך צוזאמענגעטראָפען מיט דעם אלטען קייזער ווילהעלם און מיט פראנץ יאָזעף.

גרויסע פאָרבערייטונגען זיינען דאמאָלס געמאכט געווארן פיר דעם עמפפאנג פון צאר. דיא פאָליאקען, נאטירליך, האבען זיך אין דעם ניט געמישט און האבען נאָר געטהאן דאס וואס מען האט זיי געצוואונגען צו טהאן צום פאראד; דערפאר אבער האט דער רוסישער טהייל איינוואוינער געטהאן זיין מעגליכעס. פון דעם מיליטער איז שוין גאָר ניטאָ וואס צו ריידען. וויא בעקאנט זיינען דאמאלס צוויי מאל הונדערט טויזענד סאָלדאטען אויסגעשטעלט געווארן פון פעטערסבורג ביז ווארשא.

דיא פאָליציי איז געוועזן אונגעהייער בעשעפטיגט און האט געמאכט ארעסטען רעכטס און לינקס. ווער עס האט ארויפגעצויגען אויף זיך דעם קלענסטען חשד פון א גאָראָדאָוואָי איז ארעטירט געווארן און איז געהאלטען געווארן אין ארעסט ביז דער פאראד איז אריבער. דיא געפענגניס אין און ארום ווארשא זיינען דעריבער געווען איבערפיללט. דאס איז געוועזן דער איינציגער וועג וויא אזוי צו זיכערן פאר אלעקסאנדערן א רוהיגען קבלת פנים.

ענדליך איז דער צאר אָנגעקומען אין ווארשא און דיא רוסישע געטרייע בעפעלקערונג פון ווארשא איז ארויס אין דיא גאסען שרייענדיג הוררא און ארויסווייזענדיג בעגייסטערונג.

אלעקסאנדער איז ניט וועניג געוועזן פערוואונדערט איבער דיזע „בעגייסטערונג" אָננעהמענדיג אז דאס איז דער אויסדרוק פון ווארשא, און ניט וויסענדיג, אז דיא פאָליאקען ליגען ענטוועדער אין זייער הייזער אדער אין דיא געפענגניסען, און דאס אלע וואס שרייען הוררא זיינען ענטוועדער רוסען אדער אזעלכע פאָליאקען וועלכע האבען שוין געהאט דיא געלעגענהייט ארויסצוווייזען זייער אונטערטהעניגקייט צום „מאָכקאָל".

א רייהע קארעטען האבען זיך געצויגען אין לאנגזאמע טריט דורך דיא רייך־פארפוצטע גאסען. דיא פראָצעסיאָן איז געגאנגען לאנגזאם אום ארויסצוווייזען וויא זיכער דער צאר פיהלט זיך אין „זיין" פוילישער הויפטשטאדט. אבער טראָץ דער

זיבערהייט זיינען פוןביידע זייטען פון דער פראָצעסיאָן איבערן גאנצען לייגג פון וועג, געשטאנען צוויי רייהען קאָזאקען אויף פערד, מיט איין צווישען־רוים פון קוים צעהן טריט פון איינעם צום אנדערן.

אלעקסאַנדער האט זיך געפיהלט אין גוטען הומאָר, טראָץ דעם וואס מיליאנען האבען איהם געפלוכט און האבען איהם געוואונשען פון הערצען יעדעם אונגליק.

דער צאר איז געזעסען אין קארעטע מיט גורקאָ, דעם גענעראל־גובערנאטאר פון ווארשא, אלס דיא קארעטע האט זיך געהאט אריינגעבויגען אין דיא ברייטע גאס אויף וועלכער עס געפינט זיך דער שלאָס פון גענעראל־גובערנאטאר, ׳האט זיך פּלוצ־לונג א פרויענגעשטאלט אָפּגעטהיילט פון פובליקום, האט זיך א וואָרף געטהאָן מיט דער שנעלליגקייט פון א קאַטץ צו דער פראָצעסיאָן. א קאָזאק אויפען פערד האט זיך א לאָז געטהאן גלייך הינטער איהר, אבער איידער ער האט בעוויזען זיא איבער־ציגעהמען האט זיא זיך א וואָרף געטהאן פאר דעם קייזערס קאַרעטע.

דער קוטשער פון דער קייזערליכער קא־רעטע האט מיט גרויסער מיה צוריקגעהאל־טען דיא פייעריגע פערד, וועהרענד אלעק־סאנדער דער דריטער און גורקאָ האבין זיך אין שרעק אויפגעהויבען אום צו זעהן וואס עס געהט פאָר. בעזאנדערס דערשראקען איז געוועזן דער צאר אליין. לעבענדיג אין שטענדיגער מורא פאר דיא ניהיליסטען האט ער גאָר אנדערש ניט געקענט דיינקען אז דאָ ווערט געמאכט אַ פערזוך געגען זיין לעבען.

אויף דעם געזיכט פון גורקאָ איז גע־ווען דער אויסדרוק פון העכסטען צאָרן. ביי איהם, אין „זיין״ ווארשא, זאל פּאסי־רען אזא זאך אין דער צייט וואס ער פאהרט מיט׳ן קייזער! האט ער דען נאך דיא פּאל־שע פּאָליאקען ניט גענוג אונטערדריקט? וואגען זיי עס נאך צו קומען פאר׳ן קייזער, און אין זיין געגענווארט?

—גערעכטיגקייט, מאיעסטעט! גנאַדע!

—האט זיך געהערט דיא שטימע פון מירע־לע אריבערשרייענדיג דעם שטורם פון הורא

איבערצייגענדיג זיך אז דאס איז ניט קיין פערזוך פון פערשווערער געגען זיין לעבען, נאר א שיינע יונגע מיידיל וועלכע האט וואהרשיינליך עטוואס צו בעטען, האט אלעקסאנדער געגעבען א מאך מיט דער האנד זאגענדיג: „מען זאל זיא מיר פאָר־פיהרען ווען איך קום צוריק״. און דיא פראָצעסיאָן וועלכע איז אונטערבראָכען גע־ווארן פיר א קורצע ווייל׳ע איז געגאנגען וייטער אין געוועהנליכען גאנג.

נאכדעם וויא דיא פראָצעסיאָן איז

אנגעקומען אין גענעראל־גובערנאטארס שלאָס און פערבראכט איינינע שטונדען, איז אלעכסאנדער אוועקגעפאהרען אין דער בעגלייטונג פון דע־גיערס און פון עטליכע הויכע הויף־בעאמטע נאך דער גרענעץ־שטאדט סקיערנעוויצא, וואו דיא בענעגנים פון דיא דריי קיסרים האט שטאטגעפונדען.

מירעלע איז, וויא דיא מאָדע איז אין רוסלאנד, דערווייליע אפגעפיהרט געווארן אין געפענגנים, אום אבצוּ־ווארטען ביז דער צאר וועט קומען צוריק פון סקיערנעוויצא.

גראף סאלטיקאוו, וועלכער איז מיט־געפאהרען אין דער פראצעסיאן צוזאמען מיט דעם שטאב פון דעם גענעראל־גובע־נאטאר'ס קאנצעלאריע, האט בעמערקט פון וויטען דיא סצענע פאר דעם קייזער'ס קארעט און ער האט זיך געפרעגט: „ווער איז דיזע דאמע? וואו האב איך זיא פריי־הער געזעהן?" אז דיזער צווישענפאל זאל עטוואס האבען צו טהאן מיט פאלינסקי איז איהם אין אנפאנג ניט איינגעפאלען. פלוצלונג אבער האט ער זיך דערמאָהנט מיט א חאפ וויא איינער וואס פארלירט פלוצלונג דעם אטהעם, און האט אויסגע־רופען מיט א פליסטער־טאָן: „פאלינסקי'ס געליבטע! איך האב זיא געזעהן אין געריכט!" און זיין געזיכט האט זיך פארצויגען מיט א שווארצען וואָלקען. וואס ווען דער צאר זאל זיא אויסהערען און זאל דיא גאנצע זאכע הייסען אונטערזוכען? ניין, ניין!—האט ער צו זיך אליין גערעדט—דאס דארף ניט, דאס טאר ניט געשעהן! ענטוועדער זאל זיא פארן צאר גאר ניט ערשיינען, אדער דער צאר מוז פארבערייטעט ווערין אז דא האנדעלט זיך פון א ניהיליסט, פון א פאלי־טישען פערברעכער פאר וועלכען מירעלע קומט בעטען גנאדע, און דאנן וועט זיא גע־וויס צוריקגעוויזען ווערין מיט א שטראף. דיא ניהיליסטען זיינען געוועזן דיא ביטער־סטע פיינדע פון אלעקסאנדער און עס איז פיר איהם גענוג געוועזן צו הערן דעם נאמען „ניהיליסט", אום צו קומען אין העכסטער וואוטה. דאס האט סאלטיקאוו געוואוסט און דערמיט האט ער זיך געוואלט בענוטצען.

סאלטיקאוו'ס רעכענונג איז געוועזן זעהר ריכטיג. אלעקסאנדער דער דריטער איז, וויא בעקאנט, ניט געוועזן קיין רך־לבב און ער וואלט ענטוועדער אין גאנצען פער־געסען אן דער אונגליקליכער מיידיל און איהר געלאזט זיטצען אין טורמע אין ווארשא, אדער ער וואלט געגלויבט סאלטיקאוו'ן און זיינע פריינדע און וואלט זיא נאך בע־שטראפט. אבער אנטקעגען דעם בייזען גייסט פון סאלטיקאוו האט געארבייטעט דער גוטער גייסט פון משה חיה'לעס, וועל־כער האט געפיהרט מירעלע'ן צו איהר גע־

וואגטען שריט, און האט די געפאהרען אללע פאראויסגעזעהן.

אונטער די מאגנאטען וואס זיינען זיך צוזאמענגעפאהרען אין ווארשא פיר דעם עמפפאנג פון אלעקסאנדער איז אויך געוועזען דער פירסט (קניאז) טיזענהויזען, וועמעס עלטערן און אור־אור־עלטערן זיינען געווען פון די עלטעסטע באלטישע ריטטער. זיינע אור־עלטערן זיינען געווען מעכטיג נאך אין די צייטען פון איוואן גראזני.

אבגלייך ער איז געווען א מאנן מיט פארטגעשריטענע אידעען און איז ניט צופרידען געווען מיט די פאנסלאוויסטישע בייגונגען פון דער רוסישער רעגירונג וועלכע האט זיך גענומען צו דער פערפאלגונג פון אלע אנדערע פעלקערשאפטען אין רוסלאנד, איז ער דאך יעהר אנגענומען געווען ביי אלעקסאנדער דעם צווייטען, און נאכהער אויך ביי אלעקסאנדער דעם דריטען פאר זיין שארפען בליק, פאר זיין געזונטען אורטהייל און פאר זיינע עהרליכקייט און אונפארטייליכקייט. קניאז טיזענהויזען האט געהאט אויף זיין גוט אין קורלאנד א אידען וואס האט בעזארגט דעם האנדעל מיט זיינע פראדוקטען פון זיינע גיטער. דער קניאז האט דיזען אידען זעהר גערן געהאט און האט איהם מיטגעבראכט אין ווארשא וועגען געשעפטען. דער איד איז געווען א קרוב צו ר׳ משה חיה׳לעס, און דורך איהם איז ר׳ משה חיה׳לעס פארגעשטעלט געווארן דעם גראף טיזענהויזען.

וויא עס איז שוין פריהער פארגעשטעלט געווארן איז ר׳ משה חיה׳לעס געווען א מענש וואס האט געקענט נושא חן זיין ביי לייטען, און ער האט באמת אויך געמאכט א גאנץ גוטען איינדרוק אויפען קניאז. אין דעם ערשטען געשפרעך וואס ער האט מיט איהם געהאט האט ר׳ משה חיה׳לעס איהם ארויסגעזאגט אויפריכטיג, אז ער האט געזוכט דיזע געלעגענהייט איהם פארגעשטעלט צו ווערין וויא איינער זוכט לעבען, ווייל דאס גליק און פיליכט אויף דאס לעבען פון א יונגע מיידעל וואס איז איהם אנפערטרויט געווארן פון א פריינד, שטעהט אין געפאהר און נור ער, דער קניאז, קען איהר העלפען.

פירסט טיזענהויזען האט זיך פאראינטערעסירט. ר׳ משה חיה׳לעס האט איהם דערציילט אין קורצען, אבער קלאר, די געשיכטע פון מארד, פון פאלינסקי׳ס פראצעס אלס מערדער, פון זיין פריישפרעכונג און פון זיין שמאכטען אין געפענגניס פאר נייע בעשולדיגונגען. ר׳ משה האט אויך ניט פארפעהלט צו דערציילען זיין פערדאכט אויף סאלטיקאוו און סאלטיקאוו׳ס בענעהמען וועגען דעם חוב וואס ער, ר׳ משה חיה׳לעס האט געפונען אין בוך.

— דאס עפעלע פאלט ניט וויט פון בוים—האט דער קניאז געענטפערט מיט א שפריך ווארט!—איך האב געהאט דיא צווייפעלהאפטע עהרע צו קענען דעם פאטער פון דיזען סאלטיקאוו, וועלכער איז געוועזן זעהר טהעטיג ביין לעצטען מיאטעזש, אזוי טהעטיג, דאס ער האט פיעל בלוט פארגאסען אומזיסט. אבער דאס האט ניט צו דער זאכע. מיר וועט דאס זיין אונמעגליך, אונטער דיא יעצטיגע פיהרונג פון דער רעגירונג, אויפצוטרעטען פון העללערהייד און זיך אנצונעהמען פאר א יידישען יונגען מאנן וועלכער זיצט אונטער דעם פערדאכט פון א פאליטישען פערברעכער. מיין איינפלוס איז ניט מעהר אזוי גרויס איצטער וויא מיט עטליכע יאהרען צוריק. אבער ווען מיר זאל געגעבען ווערען דיא געלעגענהייט צו זאגען א ווארט פיר איהם, וועל איך עס געוויס טהון.

— א איך דאנק אייך, פירסט!—האט ר׳ משה חיה׳לעס אויסגערופען — און א געלעגענהייט וועט זיך שוין געפינען.

דערמיט איז ער אוועקגעגאנגען.

דאס האט פאסירט דעם טאג איידער אלעקסאנדער איז אנגעקומען אין ווארשא. איבער נאכט איז ביי ר׳ משה חיה׳לעס פערטיג געווארן דער פלאן וויא אזוי צו געבען פירסט טיזענהויזען דיא געלעגענהייט און גלייך אויף מארגען, ביין אנקומען פון קייזער, האט מירעלע דיזען פלאן דורכגעפיהרט און דער פארלויפיגער רעזולטאט איז געווען, דאס מירעלע איז געזעסען אין געפענגניס, אבווארטענדיג ביז דער צאר וועט קומען פון סקיערנעוויצא.

ר׳ משה חיה׳לעס האט מיטגעטהיילט דאס געשעהענע דעם פירסט טיזענהויזען גלייך אויף מארגען נאך דעם קייזערס אוועקפאהרען, און דיזער האט געשמייכעלט אלס ער האט אויסגעהערט דעם פלאן. אלעס וואס ר׳ משה חיה׳לעס האט איהם געבעטען איז געווען, צו זעהן אז מירעלע זאל אין גאנצען ניט פערגעסען ווערין; און דאס האט פירסט טיזענהויזע פערשפראכען.

גלייך אויף מארגען איז אלעקסאנדער צוריקגעקעהרט נאך ווארשא. דעמזעלביגען אבענד האט שטאטגעפונען א גרויסארטיגער באל אין שלאס פון גענעראל-גובערנאטאר אין דעם נעכסטען טאג האט אלעקסאנדער געזאלט אפפאהרען פון ווארשא. דעמזעלבינען טאג זיינען געקומען איהם זעהן פאר זיין אברייזע אלע מאגנאטען און הויכע בעאמטע וואס זיינען זיך צוזאמענגעפאהרען אין ווארשא צוליב איהם, איהם אבשטאטענדיג קורצע בעריכטע און ארויסווייזענדיג געפיהלען פון אונטערטהעניגקייט אונטער דיזע איז אויך געוועזן פירסט טיזענהויזען.

פאר אללעם איז נאטירליך געקומען דער רעפארט פון „צארסטווא פאלסקאיע“, און דיזער איז געמאכט געווארן דורך גראף סאלטיקאוו. דער צאר האט געוואוסט דיא דינסטע וואס סאלטיקאוו׳ס פאטער האט ערוויזען דעם רוסישען טראהן אין דער צייט פון פוילישען אויפשטאנד און איז געוועזען דעם זאהן זעהר גנעדיג. ער האט איהם געשריבען דיא האנד צום קוס, און האט איהם פריינדליך געקלאפט אויפען שולטער. נאכהער זיינען פארגעקומען דיא מאגנאטען פון דיא וויטערע פראווינצען.

אונטער איינע פון דיא לעצטערע האט פירסט טיזענהויזען בעטרעטען דעם צאר׳ס קאבינעט. ער האט מיטגעטהיילט דעם קייזער אין קורצען אלעס וואס ער האט געהאט צו זאגען איבער דיא צושטענדע אין דיא באלטישע פראווינצען, און אלס דער צאר האט איהם צום אבשייד געשריבען דיא האנד צום קוס, האט דער פירסט בעמערקט:

—עס פרייט מיך אונגעמיין, מאיעסטעט, דאס א צייט איז געקומען ווען אייער מאיעסטעט קען פאהרען דורך דיא הויפטשטאדט פון פוילין דורך בעגייסטערטע מאסען און אהן בעדויערנסווערטהע צווישענפעללע. עס פרייט מיך....

אבער נאך איידער דער פירסט האט געענדיגט זיין צווייטען זאטץ האט זיך אלעקסאנדער א חאפ געטהאן:

—אבער דאך! איין צווישענפאל האט פאסירט! וואו איז דיא יונגע דאמע וואס איז נעכטען געפאלען פאר מיינע פערד? איך האב כמעט אין גאנצען פארגעסען אן איהר.

פירסט טיזענהויזען איז געשטאנען פארן קייזער מיט א זעלבסטגעפעלליגען שמייכעל אויף דיא ליפען און מיט דעם בעוואוסטזיין אז ער האט געהאלטען זיין פערשפרעכען צו דעם גרייז־גרויען אידען.

אלעקסאנדער האט האסטיג געקלינגעלט. דער גענעראל וואס האט געהאלטען וואכע איז איינגעטרעטען.

—רופט מיר אריין סאלטיקאוו.

אין נעכסטען אויגענבליק איז סאלטיקאוו געשטאנען עהרערביעטיג פאר אלעקסאנדערן.

אין אייער בעריכט, גראף, האט איהר דורכגעלאזען א פארפאל פון פארגעסטערן. איך האב בעפאהלען אז מען זאל מיר ביימיין צוריק־קומען פארפיהרען דיא מיידיל וואס איז געפאלען פאר מיינע פערד בעטענדיג גנאדע. ווארום האט מען דאס ניט געטהאן?

—פערגעבונג, מאיעסטעט; איך האב מיר ערלויבט צו דיינקען דאס אייער מא־

יעסטעטס צייט איז צו קאָסטבאַר אום זיא צו פערשווענדען פיר א יידישע מיידיל וועלבע קומט בעטען גנאדע פיר איהר געליבטען וועלכער זיצט אין געפענגניס אונטער דעם פערדאכט פון פּאָליטישער אונצופערלעסיגקייט.

אלעקסאנדער איז בעקאנט געווען מיט זיין שנאה צו אידען און מיט זיין מורא פאר פּאָליטישע פערדעכטיגע, און זיין פּנים, וועלכער איז אזוי אויך ניט געווען בעזאָנדערס פריינדליך, האט זיך פּלוצלונג בעצויגען וויא מיט א וואָלקען. א ווייל איז ער אזוי געשטאנען און סאלטיקאוו האט אין הארצען טריאומפירט. דאנן אבער האט ער אויסגערופען:

—ווענן זיא האט עס געוואגט זאל זיא ערשיינען. און ווענן זיא איז אונפערשעמט וועט זיא עס בערייען.

סאלטיקאוו איז געווארן בלאס אבער ער האט ניט גיוואגט צו ענטפערן. ער האט פארלאזען דעם קאבינעט מיט א פערבייגונג און אין צעהן מינוטען שפּעטער איז מירעלע אריינגעפיהרט געווארן אין פאָרדערצימער פון צאר'ס קאבינעט, און דעם צאר איז דערפון אנגעמעלדעט געווארן.

— זיא זאל אריינגעפיהרט ווערען — האט אלעקסאנדער בעפאָהלען. פירסט טיזענהויז וועלבער האט דיא גאנצע צייט געווארט אויף דיא ערלויבניס פון אלעקסאנדער זיך צוריק צו ציהען, האט זיך געהאט פערבויגען נאך א מאָל צום אבשיעד, אָבער אלעקסאנדער האט איהם מיט א האנד בעוועגונג געהייסען בלייבען. אין דעם אויגענבליק האָט דער וואכע־האלטענדער גענעראל געעפענט דיא טיר און מירעלע איז ערשינען אין קאבינעט.

מיט א הארץ פול מיט אנגסטען, און וויא פערניכטעט פאר שרעק, האט מירעלע ניט געפונען קיין שפּראך ארויס צו ריידען אפילו איין ווארט. אללעס וואס זיא האט בעוויזען צו טהון איז געווען, זיך אראָבצולאָזען ציטערנדיג אויף איין קניע, גלייך ביים אריינגאנג, און אויפצוהויבען צוזאמענגעלייגטע הענד וויא אין געבעט. אין איהר ווייס־זיידענעם קלייד, ווען אויך עטוואס אין אונארדנונג, מיט איהר שרעקליך בלאסען געזיכט אין וועלכען דער אויסדרוק פון פיין און עלענד האט זיך זעהר שטארק אויסגעמאהלט, האט מירעלע אויסגעזעהן וויא א בילד פון פערקערפּערטער טרויער. טראָטץ זיין גראָבער נאטור און גלייכגילטיגקייט צו דער וועלט, און טראָטץ זיינער אונפריינדליכקייט צו אידען, האט זך אלעקסאנדער דאך געפיהלט געריהרט פון דיזען אנבליק. אומדרעהענדיג זיין פּאָטעל האלב צו איהר האט ער געזאָגט האלב שטרענג און האלב פריינדליך:

— קום אהער, מיידיל, וואס פערלאנגסטו פון צאר?

— גערעכטיגקייט, גנאדע! — האט מירעלע ארויסגעשטאמעלט, וועהרענד זיא האט זיך אויפגעהויבען און האט געמאכט א פאר טריט נעהנטער צו איהם. מיט איין אראבגעלאזענעם קאפ.

— וויא איז דיין נאמען?

— מירא ראזינסקי. איך בין א יידין.

איינער פון דעם קייזערס פליגעל־אדיוטאנטען וועלכער איז יעצט ערשיענען אויף א קלונג פון צאר מיט דעם טיש־גלעקיל, האט דעם נאמען נאטירט. דיזער איז דאן צוגעגאנגען צו אלעקסאנדער און האט געזאגט גאנץ שטיל:

— מאיעסטעט, מיר איז מיטגעטהייכט פון גראף סאלטיקאוו, דאס זיא איז דיא טאכטער פון א בעקאנטען וואוכערער, וועלבער איז געוועזען דיא אורזאבע פון פיעל אונצופרידענהייט. אלעקסאנדער האט געמאכט איין אונצופריעדענע מינע:

— קומסטו בעטען פיר דיין פאטער?

— ניין, מאיעסטעט, איך האב קיין פאטער.

— קיין פאטער?

— מיין פאטער איז טוידט — ערמארדעט.

— ווער האט איהם ערמארדעט? איז דער מערדער ניט בעשטראפט געווארן?

— ניין, מאיעסטעט: ער איז נאך ניט געפונען געווארן. מען האט גאנץ אומזיסט ארעטירט אלס מיין פאטערס מערדער איינעם וואס איז מיר טהייער; אבער גאטט איז איהם בייגעשטאנען און זיין אונשולד האט זיך ארויסגעוויזען אזוי קלאר וויא דיא זונן.

— און דאס איז וועגען דיזען אנדערן וואס דוא קומסט בעטען? — האט דער צאר געפרעגט פריינדליכער. וואס האט מען איהם דען געטהון ניר איין אונרעכט?

— ער איז נאך אימער אין געפענגניס, מאיעסטעט.

— פאר וואס?

— איך ווייס ניט.

אלעקסאנדער האט אויפגעהויבען א פראגענדען בליק אויף זיין אדיוטאנט, וועלבער דארף וויסען אללעס וועגען דיא פערזאן וואס ווערט צוגעלאזען צום קייזער.

— דאס איז וואהר, מאיעסטעט — האט דיזער געענטפערט אויף אלעקסאנדערס בליק — דאך ער האט ניט געקענט איבערוויזען ווערען אלס מערדער פון דער מיידעלס פאטער, אבער, וויא סאלטיקאוו האט מיר מיטגעטהיילט ווערט דער יונגער מאן געהאלטען אין געפענגניס אלס שטאאטסגעפעהרליכער ניהיליסט.

דאס שטרענגע געזיבט פון אלעקסאנ־

דער האט זיך אין גאנצען פערפינסטערט און ער האט געווארפען אויף מירעלע א בייזען בליק. זייענדיג אין שטענדיגער מורא פאר זיין לעבען, איז גענוג געווען פיר איהם צו הערען נור דעם נאמען ניהיליסט אום צו קומען אין אויפרעגונג. סאלטיקאוו האט עס גאנץ גוט געוואוסט און ער איז געווע־זען פארויכטיג פארצובערייטען דעם אדיר־טאנט זיין פריינד וויא עס געהער צו זיין איבער דיזען געגענשטאנד.

שוין האט געשוועבט א בייזערווארט אויף די א ליפען פון אלעקסאנדער, און מי־רעלע איז געשטאנען ציטערענדיג און האט ניט געוואגט צו זאגען א ווארט, האלטענדיג דאס אלעס איז פערלארען, אלס דער פירסט טיזענהויזען האט געמאכט א טריט נעהנ־טער צום קייזער האט זיך טיעף פערנייגט און האט געזאגט:

— מאיעסטעט, איך בעט אום גנעדיגע ערלויבניס צו זאגען א ווארט אין דיזער אנגעלעגענהייט.

רעדט, פירסט.

— איך האב געהאט די געלעגענ־הייט געגוי צו ערפאהרען ווער דער יונגער סטודענט איז פון וועלכען דאס מיידעל רעדט דא און מיר שיינט אז איך מעג זאגען מיט געוויסהייט דאס ער איז וויט פון צו זיין א ניהיליסט.

אלעקסאנדער האט א ווילע נאכגע־דאכט און האט דאנן געפרעגט:

— דיינקט איהר אז עס איז דא נאך איין אורזאכע פאר וואס ער ליעגט נאך אין געפענגניס?

— יא, מאיעסטעט, און איינע אורזא־כע וועלכע פערדיענט פיליכט די אויפ־מערקזאמקייט פון אייער מאיעסטעט.

פירסט טיזענהויזען האט אלזא ערפילט זיין צוזאג צו משה חיה'לעס אויף דעם גלענצענדסטען אופן. דיזע עטליכע ווערטער האבען גערעטעט מירעלעס זאכע. אלעק־סאנדער האט זיך נאך א מאל געווענדעט צו איהר פיעל פריינדליכער און האט גע־זאגט:

— דערצייל מיר, מיידעל, וואס האסטו צו זאגען?

אין איינפאכע ווערטער האט מירעלע דאנן דערצעהלט איהר געשיכטע זיא האט דערצעהלט בקיצור אונטער וועלכע אומ־שטענדע איהר פאטער איז ערמארדעט גע־ווארן, וויא אזוי פאלינסקי איז ארעטירט און פראצעסירט געווארן, און די לעצטע סצענע אין געריכטסהויז, ווען זשאנדארמען האבען איהם צוגענומען באלד נאכדעם וויא ער איז פריי געווארן פון דער אנקלאגע פון מארד.

אלעקסאנדער האט זיך יעצט געווענ־דעט נאך א מאָל צו טיזענהויזען:

— ווייסט איהר עטוואס מעהר איבער דעם יונגען מאַנן, פון וועלכען דאס מיידעל רעדט?

— יא, מאיעסטעט; איך נעהם ציי־טענווייז איין אינטערעסע אין דער פסיכאָ־לאָגיע פון דער פערברעכער־וועלט און בעזוך אָפט דאס געפענגניס. איך האב דעריבער געהאט דיא געלעגענהייט צו זעהן דעם יונ־גען מאַנן ערשט אין דיא לעצטע טעג.

— און?

— אזוי ווייט וויא איך האב איהם געקענט פערשטעהן איז ער א יונגער מאַן וואס איז ערגעבען זיין שטודיום, און איז אי־בערהויפט ווייט פון פאָליטיק.

— דאנן זאל ער פריי זיין אויף אייער פעראנטווארטליכקייט, פירסט—האט דער צאַר געזאָגט.

— איך בין צופריעדען, מאיעסטעט—האט טיזענהויזען געענטפערט מיט א שמיי־כעל.

מירעלע האט זיך אראָפּגעלאָזען אויף דיא קניע און טרעהרען פון דאנקבארקייט, אהן ווערטער, האבען געפלאָסען פון איהרע אויגען אהן אויפהער.

דאס איז געווען דיא איינציגע גוטע האנד־לונג וועלכע אלעקסאנדער דער דריטער האט געוויזען דירעקט צו א יידיש קינד.

7.

הינטער דיא מויערן.

דיא ציטאדעל (טורמע) אין ווארשא איז ניט קיין גוטער פלאטץ צום וואוינען. דאס איז איין אונגעהייער גרויסע געביידע וועלכע קומט ארוים מיט איהרע ווענד אהן פענסטער אין ענגע גאסען און האט קיין איינציגען פענסטער פון גאס. מיט דער אויסנאהמע פון דיא פענסטער פון קאנצע־לאריע וואס געהערט צום געפענגניס. אָבער אויך דיא זיינען פערשלאָגען מיט דיקע גראטעס. דיא זונן קען ארייגשיקען וועל־כעס ליכט צו דיא אונגליקליכע איינוואוי־נער פון דיזען פלאטץ נור דורך דעם אינ־ווענינסטען הויף. אויף דיזען הויף פלעגען צו געוויסע שטונדען אין טאָג ארומשפאצי־רען ארעסטאנטען בראזגענדיג מיט זייערע קייטען, ריידענדיג צווישען זיך און מיט־טהיילענדיג איינער דעם אנדערן זייערע פלענער אָדער מאכענדיג פלענער פיר דיא צוקונפט. אין דיא רוסישע געפענגניסען עק־זיסטירען בכמעט רעגעלמעסיגע אָרגאניזא־ציאָנען צווישען דיא ארעסטאנטען. זיי מא־כען זיך סטאראָסטאס (אנפיהרער) און האבען זייערע געזעטצע און מנהגים. וואס גרעסער דיא שטראפע איז פון איין ארעס־

טאנט איז ער אלץ א גרעסערער יחסן אין דיא אויגען פון זיינע מיט־ארעסטאנטען. גלויבען און נאציאנאליטעט מאכען קיין אונטערשייד הינטער דיא מויערן פון געפענגניס אין דיזער הינזיכט געניסען ארעסטאנטען אין רוסישע געפענגניסען א היבשע ביסעל פרייהייט.

אנדערש געהט עס צו מיט פאליטישע ארעסטאנטען. זיי קענען ניט טהיילנעהמען אין דיזע ארגאניזאציאן און קענען ניט געניסען אפילו דיזען טראפען פרייהייט אויך ניט. על פי רוב ווערען זיי גאר ניט ארויסגעלאזען פון זייערע צעלען, נור ווען זייער געזונדהייט איז אין געפאהר און דער דאקטאר געפינט דאס דיא לופט איז פאר זיי נייטיג, דאן ערלויבט מען זיי איינציגווייז ארומצושפאצירען אין הויף, אונטער שטארקער בעוואכונג, דאן ווען קיין אנדערער איז ניטא אין גאנצען הויף.

אלבערט פאלינסקי איז דיא גאנצע צייט געזעסען אין זיין צעללע אלליין און פלעגט געניסען דיא לופט פון געפענגניס־הויף זעהר זעלטען. אבער אין דיא עטליכע טעג פאר דעם קייזערס אנקומען אין ווארשא האט מען איהם פיעל בעסער בעהאנדעלט, און מען האט איהם ערלויבט ארויסצוגעהן אין הויף צו יעדער צייט ווען אפילו אנדערע ארעסטאנטען זיינען דארט געוועזען. דאס האט ער געהאט צו פערדאנקען דעם פירסט טיזענהויזען וועלכער האט פארלייגט פאר איהם א גוט ווארט ביי דיא בעאמטע פון ציטאדעל.

אין דעם טאג ווען דער קייזער איז אריינגעפאהרען אין ווארשא האט פאלינסקי ארומשפאצירט איינינע שטונדען איבערן הויף פון געפענגניס גלייך מיט פיעלע אנדערע ארעסטאנטען, אבער אין געדאנקען זעהר ווייט פון זיי. איהם איז מיטגעטהיילט געווארן דער פלאן פון ר' משה חיה'לעס מיט מירעלע, און זיין הערץ איז איהם געווען אנגעפיללט מיט שרעק און מיט האפנונג.

פלוצלינג האט ער דערפיהלט וויא א האנד האט זיך געלעגט ביי איהם אויפ'ן שולטער און א שטימע האט גערופען זיין נאמען.

ער האט זיך אומגעקוקט אין שרעק און איבעררואשונג, און האט דערקענט אנדרעיעוו.

—דוא היער?—האט פאלינסקי געפרעגט און איז געווארן בלאס פאר אויפרעגונג—ביסטו געשיקט געווארן מיך אויך דא צו שפיאנירען.

— ניין, פאלינסקי, דא בין איך איין ארעסטאנט פונקט וויא דוא.

— דאס פרייט מיך צו הערען—האט

פאלינסקי געענטפערט—מינדעסטענס וועללען מיינע קאמעראדען אין דער אוניווערזיטעט האבען איין תליון ווייניגער אויף זיך. א וואָלף אונטער שעפסין איז געפעהרליך פאר דיא שעפסין.

— אָ, פּאָלינסקי, דוא דארפסט מיך ניט אזוי שלעכט אורטהיילען. איך ווייס אז איך בין א נידערטרעכטיגער מענש, איך ווייס אז איך פערדיען דיא פעראכטונג פון אלע אונזערע קאמעראדען, אבער דוא היער דארפסט מיך ניט אזוי בעהאנדלען; איך האב ערהאלטען מיין שטראָף, און דיר פערזענליך האב איך קיין שלעכטעס געטהאָן.

— דיא איינציגע שטראפע וועלכע וואלט זיך פיר דיך געפאסט וואלט געווען, דיך צו פארבינדען אין א זאק און אריינצווארפען אין ווייכסעל, וויא עס פאסט זיך פאר א שפּיאָן; און וועגען מיך פערזענליך, ווייס איך ניט וועמען דען האב איך צו פערדאנקען, וואס מיין מעסער איז געפונען געווארן ביי דעם ערמאָרדעטען ראָזינסקי ווען ניט דיר. איינינע פון מיינע קאמעראדען האבען איהם געזעהן ביי דיר.

— וועגען דעם וויל איך עס מיט דיר איצטער ריידען—האט אנדרעיעוו געענטפערט—און ווען דוא וועסט מיך אויסהערען וועסטו מיך ניט אורטהיילען אזוי שטרענג.

—ווען איך בין געקומען נאך ווארשא האב איך געהאט עמפפעהלונגען צו גראף סאלטיקאָוו וועלכער איז מיינער א וויטער קרוב. אלס ער האט מיר פערשאפט דיא שטעללע צו זיין א געהיימער פאליציי־אגענט אין אוניווערזיטעט, האב איך מיך געשעצט גליקליך. איך האב בעסער ניט געוואוסט דאמאלס, און צו שפּיאָנירען מיינע קאמעראדען איז ביי מיר קיין עולה ניט געווען. אויסער דעם בין איך געווען ארעם, האב ניט געהאט דיא מיטעל צום שטודירען, און דורך דיזע שטעללע האב איך דאס אללעס ערהאלטען. דוא פארשטעהסט אז איך בין מיט מיין עקסיסטענץ אין גאנצען אבגעהאנגען פון סאלטיקאָוו׳ן, וועלכער האט מיר דיא שטעללע פערשאפט. ווען איך האב געמאכט דיא בעקאנטשאפט מיט אונזערע קאמעראדען און איך האב פיעלע פון זיי ליעב בעקומען, איז מיר מיין אויפגאבע זיי צו שפּיאָנירען געוועזן אזוי שווער וויא דער טויט, אבער איך האב מיך ניט געקענט העלפען. דער טייפעל לאזט ניט אָב אזוי גיך ווען ער כאפט איינעם ביי א פינגער. ווען איך בין געווען ביי יענעם באנקעט אין אוניווערזיטעט וואו דוא האסט פערלאָרען דיין מעסער, האב איך דיך שפּיאָנירט און האב צוגענומען דיין מעסער וויילסאלטיקאָוו האט מיר אזוי בעפאָהלען.

— סאַלטיקאָוו ? דערזועלבינער וואס האט עדות געזאָגט אויף מיין פּראָצעס ?

— יא, דערזועלבינער.

— צו וואס טויג איהם מיין מעסער, און פון וואנען קען ער מיך ? איך האב איהם קיינמאָל אין מיין לעבען ניט געזעהן און פערזענליך בין איך קיינמאָל ניט געשטאנען אין וועלכע פערבינדונג מיט אונגעזעצליכע געזעלשאפטען.

— דאס איז מעהרער אלס איך קען דיר זאגען. איך וויים נור אז איך האב ערהאלטען דעם בעפעהל און האב עס געמוזט דורכפיהרען.

— מענש ! וויסטו וואס דוא רעדסט ? דאס מעסער וועלכעס דוא האסט פון מיר גענומען אהן מיין וויסען האט ערמאָרדעט אהרן ראַזינסקי; האסטו עפּוואס דערמיט צו טהון ?

— איך ? אָ, ניין ! איך האב דאס מעסער גליך אוועקגעגעבען סאַלטיקאָווען.

איינינע אויגענבליקע האט פּאָלינסקי געשוויגען אקוראט וויא ער וואלט געזוכט ביי זיך אין געדאנקען דעם צוזאמענהאנג פון דעם אלעם, און האט דאן געמורמעלט וויא פאר זיך :

— מערקווירדיג, מערקווירדיג ! דיא ביבער פון אהרן ראַזינסקי מוזען דאך אמת זיין, און דיא הלואה פון 20 טויזענד רובעל פון וועלכע משה חיה'לעס און מיין אדוואקאט האבען גערעדט שיינט צו זיין א פאקט. אויב דאָס איז אזוי, דאנן איז סאַלטיקאָוו דער איינציגער וואס האָט געהאט אינטערעסע אין אהרן ראַזינסקי'ס טוידט.

— צו דעם זעלבען שלוס בין איך אויך געקומען—האט געזאָגט אַנדרעיעוו—אבער אויף אנדערע וועגען.

און אנדרעיעוו האט דערציילט פּאָלינסקי דעם פּאַרפאל וויא אזוי סאַלטיקאָוו האט ארונטערגעבראָכען דאס ברעטיל מיט דער העברעאישער אויפשריפט פון דעם פלאַמיץ וואו ראַזינסקי איז געפאלען, און וויא אזוי ער האט זיך דערביי בענומען. פּאָלינסקי האט עס אויסגעהערט מיט דער העכסטער שפּאַנונג.

— אָבער וויא אזוי קומסטו אהער ?—האט פּאָלינסקי ענדליך געפרעגט אַנדרעיעוו'ן—וויא אזוי קומט דער יאַבט-הונד צווישען דיא געפאנגענע האָזען ?

— איצטער בין איך אליין א האָז—האט אנדרעיעוו געענטפערט טרויריג—און פיללייכט דער עלענדסטער פון אייך אלעמען, וויא איך האב דיר שוין געזאגט, האָב איך פערלאָרען מיין שטעללע אלס געהיימער אגענט צוליב דיין פּראָצעס. סאַלטיקאָוו האט געזאגט, דאס איין אנגענג

וועלכער קען ניט אויפטרעטען וויא עס געהער צו זיין געגען א פערדעכטיגער פערזאָן דארף ניט זיין אין געהיימען דיענסט. איך בין געבליבען אין גאנצען אהן מיטעל. מיינע אויסזיכטען צו ווערען א מאָל א דאָקטאָר זיינען אויך געוואָרן צוקראָכען, דענן נאכדעם וויא עס איז בעקאנט געוואָרן ווער איך בין דארף איך ניט וואגען אריינצוקומען אונטער סטודענטען. איך האב מיך ענטשלאָסען צו פאהרען א היים און צו זעהן פיליכט וועל איך קענען איינטרעטען אין קאזאנער אוניווערזיטעט אָבער מיר האבען געפעהלט די מיטעל דערצו אויך. איך בין געגאנגען צו פאָטיקאָוו, אָבער מען האט מיך צו א ה… ט אריינגעלאָזען. איך האב איהם אבגעווארט איין מאָהל ביים גענעראל־גובערנאטאָרס קאנצעליאריע, און וויא ערבימערט איך בין געוועזן האב איך איהם ארויסגעזאגט דאס ער איז דער מערדער פון אהרן ראָזינסקי און אויב ער וועט מיר ניט געבען קיין געלט וועל איך זעהן דיא זאכע בעקאנט צו מאכען, איין אויגענבליק איז ער געשטאנען וויא פארטומעלט, דאן אבער האט ער אויסגעשריען: וואס? דוא וואגסט געלד־ערפרעסונג אן מיך! העיי, פאליציייסקיע! און דערמיט האט ער מיר איבערגעגעבען אין דיא הענד פון א גאָראָדוואָי וואס איז אונטערגעקומען, און האט איהם געהייסען מיך אוועקפיהרען אין אוישאסטאק (פאָליציי סטיישען). צוויי טעג בין איך געזעסען דארטען אין א צעלע אליין, נאכהער האט מען מיך איבערגעפיהרט אהער. איך זיטץ שוין דאָ דריי מאָנאטע, און וויא עס שיינט האט מען אָן מיך אין גאנצען פערגעסען.

אויסהערענדיג דיזע ערצעהלונג פון אנדרעיעוו איז פאָלינסקי געקומען אין העכסטער אויפרעגונג. דער געדאנקען, דאס ער מוז ליגען און שמאכטען אין געפענגניס בדי צו פערדעקען איין שרעקליכען פערברעכען פון אנאנדערן, און דאס בעוואוסטזיין פון זיין אייגענער הילפלאָזיגקייט, האבען איהם געמאכט ווילד. ער האט געבאללט זיינע פויסטען און האט געקריצט מיט דיא ציינער פאר וואוטה; אבער נאכדעם וויא דיא ערשטע אויפרעגונג האט נאכגעלאָזען און ער האט זיך עטוואס בערוהיגט, האט ער אנגעהויבען צו פיהלען מיטלייד מיט אנדרעיעווין. דיא איינפאכע און אמת'ע ערצעהלונג פון אנדרעיעוו האבען אויף פאָלינסקי געמאכט איין איינדרוק. ער האט זיך איבערלייגט, דאס אנדרעיעוו איז פילייכט ניט אזוי שלעכט וויא ער האט אין אָנהויב געמיינט, און דאס ווען ער וואלט אריינגעפאללען אלס פראווינציאל אין בער־

סערע הענד וויא סאלטיקאָוויס וואלט פון איהם עטוואס בעסערעס ארויסגעקומען. אויסער דעם איז פאַלינסקי׳ן איינגעפאללען, דאס אויב עס וועט יא אמאָל מעגליך זיין ארונטערצורייסען דיא מאסקע פון סאלטי־קאָוו׳ן, דאנן איז אנדרעיעוו דער איינציגער וועלכער קען דערצו העלפען.

— וואלסטו וועלען זיך אברעכענען מיט סאַלטיקאָוו׳ן אויב עס וואלט זיך מאכען א געלעגענהייט? — האט פאַלינסקי געפרעגט אַנדרעיעוו׳ן.

— אָ, מיין לעבען אין געפענגניס וואלט מיר דאנן געוועזן טויזענד מאָל לייכטער. דעם טאָג ווען איך זאָל ערפאהרען דאס סאַלטיקאָוו האט געהאט א מפלה וואלט איך געווען דער גליקליכסטער מענש אין דער וועלט.

— דאנן גיב מיר דיין האנד — האט פאַ־לינסקי געזאָגט — דען מיר שיינט אז דוא ביסט ניט אזוי שלעכט וויא מען האט דיך געמאַכט.

אנדרעיעוו האט ערגריפען פאַלינסקי׳ס האנד און האט זיא געדריקט הערצליך און געריהרט. ער איז אין הארצען זעהר דאנק־באַר געוועזן פאַלינסקי פאר דיזע הערצאַב־לאסונג. דאס אונגליק האט געמאכט אַנ־דרעיעוו׳ן פאר א בעסערן מענשען.

דאָס געפיהל פון לײדען און פון ראַ־כע האט פעראייניגט דיא צוויי מענשען וועלכע זיינען זאנסט געוועזן אזוי וויט איי־נער פון אנדערן.

נאָך זיינען דיא ביידע יונגע לייטע אזוי געשטאנען מיט געשלאָסענע הענד, אלס פון אנאנדער ווינקעל פון דעם גרוי־סען געפענגניס־הויף האט זיך געלאָזט הע־רען א שטיממע פרעגענדיג: „וואו איז פאַ־לינסקי? וועלכער פון אייך איז פאַלינ־סקי?"

דער פרעגער איז געוועזן דער סמאַ־טריטעל אָדער דירעקטאָר פון דער וואר־שאווער ציטאדעל אליין. ער איז געלאָפען פערטאָפּעט צווישען דיא ארעסטאנטען, וועלכע זיינען דערשראָקען געבליבען שטעהן אלס ער איז זיי פארביי געלאָפען. פאַלינסקי האט אומגעדרעהט דעם קאָפּ צו דער זייט פון וואנען דער סמאַטריטעל איז געקומען און האט גאנץ איבערראשט געזאָגט:

— איך בין פאַלינסקי, הערר סמאַ־טריטעל.

— שנעלל, מענש, וואס שטעהט איהר? איהר זייט פריי! אונזער גרויסער, אלגע־נעדיגער קייזער אלליין האט אייך בעפרייט! שנעללער! וואס שטעהט איהר! אייערע פריינדע ערווארטען אייך אין קאַנצעלאַריע! קומט! קומט!

דער סמאַטריטעל איז געוועזן דיא פריינד־

ליכקיט אליין, א דירעקטער בעפעהל פון אלעקסאנדער דעם דריטען צו בעפרייען איין ארעסטאנט — דאס איז געוועזן פאר איהם אזא זעלטענהייט, וועלכער ער האט נאך קיינמאל ניט געהאט. אויך האט ער זיך איבערלייגט, וויא גרויס דער איינפלוס פון פאלינסקי'ס פריינדע מוז זיין ביים קייזער, ווען ער, פאלינסקי, א פערדעכטיגער אין ניהיליזמוס, ווערט בעפרייט אויף דעם בעפעהל פון צאר.

אבגלייך פאלינסקי האט שוין פריהער געהאט ערפאהרען דאס משה חיה'לעס און מירעלע מיהען זיך פיר איהם, און אבגלייך ער האט געוואוסט דאס פירסט טיזענהויזען וואס האט איהם בעזוכט אין געפענגניס, נעהמט איין אינטערעססע אין איהם, האט איהם דאך דיא נייעס אונגעהייר איבערראשט, און א פאר מינוטען איז ער געשטאנען פונקט וויא א סטאטוע. קומענדיג צו זיך האט ער דערפיהלט א צווייטען דרוק פון אנדרעיעווס האנד; דיזער האט איהם אנגעקוקט מיט טרעהרען אין דיא אויגען און האט ארויסגערעדט כמעט מיט א געבראכענע שטימע:

— פארגעס מיך ניט פאלינסקי.

פאלינסקי האט איהם געוואלט ענטפערן, אבער ער האט דערפיהלט דיא האנד פון סמאטריטעל וועלכער האט איהם ערגריפען פאר'ן ארעם און האט איהם מיטגעצווינגען נאך דער ריכטונג פון דער קאנצעלאריע.

אריינקומענדיג אין דער קאנצעלאריע האט פאלינסקי געטראפען דעם אפיציער פון דער קייזערליכער וואכע וועלכע האט געבראכט דעם בעפרייאונגס־בעפעהל, און מירעלע מיט ר' משה חיה'לעס, וועלכע זיינען געקומען כמעט גלייך מיט'ן אפיציער.

מיט דעם אויסרוף „מיין אלבערט!“, נאך וועלכען עס האט געפאלגט איין שלוכצען און א געוויין פאר פריידע און ענטציקען, האט זיך מירעלע א ווארף געטהון אין דיא ארעמס פון פאלינסקי, נאך איידער דיזער האט צייט געהאט אראב צו ווארפען פון זיך זיינע ארעסטאנטסקע קליידער, און קיין אויג איז געבליבען טרוקען ביי דיזער סצענע. אפילו דער סמאטריטעל אליין, וועלכער האט זיך אנגעזעהן גענוג הערצרייסענדע סצענעס אין זיין לעבען, האט זיך געפיהלט גערירט און האט זעהר פערדעכטיג געפינטעלט מיט דיא אויגען און אבגעקעהרט דעם קאפ. ר' משה חיה'לעס האט זיך געריבען דיא הענד און איז געלאפען הין־און־צוריק עטליכע טריט ארום דיא צוויי יונגע לייט וואס זיינען זיך געלעגען אין דיא ארעמס, אין פריידיגע אויפרעגונג.

8.

דער אנהויב פון סוף.

דיא אונערמעסליכע פריידע פון מירעלע און פאָלינסקי איז פיליכט נעוועזן דיא ערשטע וואס אלעקסאַנדער דער דריטער האט פערשאפט צו א אידען און איז אויך געבליבען דיא לעצטע. און אויך פיר דיזע פריידע האבען דיא גליקליכע מעהר געהאט צו דאנקען דעם מענשענפריינדליכען פירסט טיזענהויזען, וועלכער האט זיך בעמיהט דעם צאר דערצו צו בעווגען. און דער ערשטער גאנג וועלכען אלבערט און מירעלע האבען געמאכט גלייך דעם נעכסטען מאָרגען איז געוועזן צום פירסט טיזענהויזען, אום איהם צו דאנקען פיר דיא פרייהייט און פיר דאס לעבען. זייא זיינען געגאנגען אין דער בעגלייטונג פון ר' משה חיה׳לעס. זיי האבען דעם פירסט ניט געטראפען אין האָטעל, און זיין דיענער האט זיי מיטגעטהיילט דאס דער פירסט געפינט זיך אין גענעראל־גובערנאטארס שלאָס און איז בערייט אפצופאהרען אלס איינער פון דער קייזערליכער סוויטע נאך פעטערסבורג, וואו ער וועט וואהרשיינליך פארבלייבען א פאָאר וואָכען. פון דאָרטען וועט ער זיך אומקעהרען דירעקט צו זיינע גיטער אין קורלאנד.

אלבערט, מירעלע און ר' משה חיה׳לעס האבען זיך געפיהלט זעהר ענטטוישט פון דיזע נייעס. בעזאָנדערס געקריינקט האט זיך געפיהלט פאָלינסקי, דאס איהם איז דיא מעגליכקייט ניט געגעבען געווארן צו זעהן אפילו זיין וואהלטהעטער. ער האט דערפאר אבער בעשלאָסען ארויסצוזאגען אללעס וואס ער האט געהאט אויף דעם הערצען אין א בריעף אן דעם פירסטען.

אין דעם נאכמיטאג פון דעם זעלבינען טאָג איז אלעקסאנדער דער דריטער מיט זיין סוויטע אָבגעפאהרען פון ווארשא, און אין אבענד פון דעמזעלבען טאָג האט אלבערט פאָלינסקי אדרעסירט צו פירסט טיזענהויזען אין פעטערסבורג דעם פאָלגענדען בריעף:

„מיין ערלויכטער פירסט״!

מיר שיינט עס צו זיין א פערשווערונג פון היילינקייט צו געברויכען דיא געוועהנליכע דאנק־ווערטער מיט וועלכע לייטע בעדיענען זיך ביי יעדער קליינער געפעלינקייט וואס זיי ווייזען זיך איינער דעם אנדערן, אום אייך צו דאנקען פיר דאס ליכט פון לעבען, פיר דיא פרייהייט און פיר דאס גליק וועלכע איך האב דורך אייך ערהאלטען. איך וויל דעריבער אונטערלאסען דעם אומזיסטען פערזוך, צו געפינען א פאסענדען אויסדרוק, אלס אונמעגליכקייט, און

ווען מיך מינדעסטענס צופרידענשטעללען דערמיט וואס איך וועל אייך בעווייזען, דאס איך בין אין דער וואהרהייט אונשולדיג און ריין פון יעדען פערדאכט, און דאס איהר האט אייער גרויסע גיטטע ניט פערשווענדעט אויף איין אונווירדיגען.

צו דעם צוועק מוז איך אייך מיטטהיילען, מיין פירסט, דאס אן דעם טאָג פון מיין בעפרייאונג האב איך צופעליג און צו מיין גרעסטער איבעראשונג אנגעטראָפען אין געפענגניס איינעם אנדרעיעוו, א געוועזענעם סטודענט, וועלכער האט אויך וויא מיר איז יעצט בעקאנט, געדיענט פיר דיא פאליציי אלס געהיימער אגענט אונטער דיא סטודענטען. פון איהם בין איך ערפאהרען דאס ער האט גענומען מיין טאשענמעסער ביי א סטודענטען באנקעט א מאָנאט פאר דער ערמאָרדונג פון ראָזינסקי. ער האט עס געטהון אויף דעם בעפעהל פון גראף סאלטיקאָוו, און דיזען לעצטערען האט אנדרעיעוו אויך איבערגעגעבען מיין מעסער. מיט דיזען מעסער איז בעגאנגען געווארען דער מאָרד אן ראָזינסקי.

איך ווייס ניט, מיין פירסט, וועלכען צוועק גראף סאלטיקאָוו האט געהאט צו בריינגען אויף מיך אזא אונגליק, אבער דאס ער האט זיך בעמיהט מיך ווידער צו בריינגען אין געפענגניס נאכדעם וויא דאס געריכט האט מיך בעפרייט פון דער בעשולדיגונג אין מאָרד, שיינט צו האבען זעהר פיעל בעדייטונג.

אנדרעיעוו איז אויך געקומען אין געפענגניס, וויא איך, צוליעב גראף סאלטיקאָוו. אנדרעיעוו איז געווען איין עדות ביי מיין פראָצעס און ער האט ניט אזוי גערעדט וויא סאלטיקאָוו האט געוואלט. ער האט דעריבער פערלאָרען זיין שטעלע אלס פאָליציי אגענט און דיא גונסט פון סאלטיקאָוו, עס איז איינמאָל פארגעקומען ביי זיי צו הארטע ווערטער, און אנדרעיעוו איז דערפאר אריינגעפאללען אין ציטאדעל, וואו ער זיצט שוין דריי מאָנאטע און קיינער האט זיך נאך אן איהם ניט דערמאָהנט. אנדרעיעוו דיינקט אז דאס איז דערפאר וואס ער האט סאלטיקאָוו'ן געסטראשעט צו דערצעהלען דיא מעשה מיט'ן מעסער און אנדערע אומשטענדע וועלכע בריינגען סאלטיקאָוו'ן אין פערבינדונג מיט דעם מאָרד פון ראָזינסקי.

דאס, מיין גנעדיגער פירסט, האלט איך פיר נייטיג אייך מיטצוטהיילען, און לייגענדיג איין הערץ פול מיט דאנקבארקייט צו אייערע פיס, פערבלייב איך אייער אונטערטהעניגסטער.

אלבערט פאלינסקי.

אלבערט פאָלינסקי האט נאך דעם זעלבינען אבענד אוועקגעשיקט דעם בריעף און האט געפיהלט א דרייפאכע ערלייכטערונג פיר זיין אייגענעם געוויסען. ערשטענס האט ער געטהאן זיין פליכט צו זיך אליין און האט אויסגעדריקט דעם פירסט טיזענהויזען זיינע אויפריכטיגע דאנקבארקייט; צווייטענס האט ער ערפיללט זיין פערשפרעכען צו אנדרעיעווין איהם ניט צו פערגעסען, חאטש אפילו ער האט איהם דיזעס פערשפרעכען ניט ארויסגעזאגט אין ווערטער, און דריטענס, האט ער געטהון א שריט אין דער ריכטונג וואו ער האט געהאָפט צו דערגרייכען דעם אמת'ן מערדער פון אהרן ראָזינסקי. און וויא ווייט זיין בריעף האט ניט פארפעהלט די געווינשטע ווירקונג, האט פאָלינסקי, צו זיין העכסטער פריידע באלד איינגעזעהן. דען קוים אין פאראיבער א וואָך האט דער ווארשאווער הויפט־פראָקוראר ערהאלטען צוגעשיקט דורך דאס יוסטיץ־מיניסטעריום פון פעטערסבורג די ווייזונג, צו אונטערזוכען גענוי דעם פראָצעס פון פאָלינסקי און אויסצוגעפינען אין וויא ווייט סאלטיקאָוו האט דערמיט צו טהון. דער בריעף פון פאָלינסקי אן פירסט טיזענהויזען איז אויך צוגעשיקט געווארן דעם פראָקוראָר אלס אנדייטונג אויף די ריכטונג וועלכע דער פראָקוראָר דארף נעהמען. פון דעם האט פאָלינסקי געוואוסט דאס די גאנצע בעוועגונג שטאמט ארויס פון פירסט טיזענהויזען. פאָלינסקי איז אויך גערופען געווארן צום פראָקוראָר, און קומענדיג אהין האט ער אנגעטראָפען אנדרעיעווין. דיזער האט איהם געדריקט די האנד און הערצליך געדאנקט. אנדרעיעוו איז געזעסען ביין פראָקוראָר, אלס בעפרייטער אויף דעם פראָקוראָרס בעפעהל, אזוי וויא געגען איהם איז קיין קלאגע געמאכט געווארן.

דער פראָקוראָר האט אויסגעהערט די ערצעהלונגען פון די ביידע יונגע לייטע, האט זיך אללעס נאָטירט און האט זיי צוגעזאָגט דאס ער וועט זיי נאך א מאָל איינלאדען, אום אויסצופיהרען זיך מיט סאלטיקאָוו אויג אויף אויג.

ר' משה חיה־לעס איז געוועזן גאנץ ענטציקט אלס ער האט דיזעס ערפאהרען. ער האט שטארק געהאָפט דאס דיזעס מאָל וועט דאס יידישע בלוט ניט שווייגען, און דער ריכטיגער מערדער וועט געבראכט ווערען אבצוגעבען דין וחשבון. אויסער דעם האט ער ערווארטעט דאס צוזאמען מיט דער שולד אין מאָרד וועט זיך אויך ארויסווייזען זיין שולד פון 20 טויזענד רובעל צו ראָזינסקי, און מירעלע מיט

איהר מוטער וועלען האָבען א גרעסערע ירושה.

אזוי וויא אנדרעיעוו איז געווען אהן מיטעל און האט ניט געהאט וואו צו זיין האט איהם ר׳ משה היה׳לעס געגעבען א צימער ביי זיך אין הויז. זיין צוועק דער־ביי איז געווען אום איהם צו האלטען וויט פון סאלטיקאָוו׳ס איינפלוס, און אב־צרוווארטען וואס דאָ וועט זיך אויסוויקלען.

9.

„בלוט שווייגט ניט“.

— וואס גיעבט עס נייעס, נאָוויקאָוו?

אזוי האט געפרעגט גראף סאלטיקאָוו, וועהרענד ער איז געזעסען ביי זיין שרייב־טיש איבערקוקענדיג וועלכע פאפיערען און דער סלעדאָוואטעל נאָוויקאָוו איז האס־טיג אריין צו איהם אין צימער.

— זעהר שלעכטע נייעס גראף.

— שלעכט פאר וועמען?

— פאר אונזביידען.

— וואס האנדעלט עס זיך?

— אלעקסיי פאוולאָוויטש האט מיר געשיקט אנזאָגען אז איך זאל איהם צו־שיקען אללע פאפיערען וועלכע געהערען צו דער „דיעלאָ“ פון אלבערט פאלינסקי.

— נון, וואס האָט דאס צו טהון מיט מיר? — האט סאלטיקאָוו געפרעגט בלומרש׳ט גאנץ רוהיג, און איז אין אמת׳ן געווארן עטוואס בלאסער.

— אונטער דיא פאפיערען געפינען זיך אויך דיא אויסזאגען פון דיא סטודענטען, וועלכע האָבען געזעהן פאלינסקי׳ס מעסער אין אנדרעיעוו׳ס הענד.

— דאס איז אלט, און איך זעה נאך אלץ ניט אין וויא וויט דאס קען מיך בעטרעפען.

— איך האב איהם דיא פאפיערען אליין אוועקגעטראָגען, און ווען איך בין אריינגעקומען צו איהם אין קאנצעלאריע האב איך אנגעטראָפען אנדרעיעוו׳ן זיצענ־דיג ביי איהם צוזאמען מיט פאלינסקי.

— וואס? ! ער וואגט עס נאכפאָרשונ־גען אנצושטעלען הינטער מיין רוקען! ער, וועלכער האט צו פערדאנקען זיין פראָקו־ראָר־שטעללע צום גרעסטען טהייל מיר! ער זאל עס מיר בערייען!

— איך גלויב אָבער, גראף, אז ער איז אין דעם ניט שולדיג. לויט וויא ער האט מיר געזאָגט, טהוט ער עס אויפען דירעק־טען בעפעהל פון יוסטיץ־מיניסטער.

במעט ציטערענדיג איז סאלטיקאָוו געפאללען צוריק אין שטול און האט גע־מורמעלט וויא פאר זיך: אזוי וויט איז עס געקומען, אזוי וויט איז עס געקומען!

סאלטיקאָוו איז איצטער געווען גאנץ

פערצווייפעלט, זיין געזיכט איז געווען בעד־
דעקט מיט א שוידערהאַפטע בלאַסקייט,
אזוי דאס נאַוויקאָוו האָט זיך דערשראָקען,
און האט געמאכט מיענע צו לויפען אריינ־
רופען וועמען עס איז פון דיא דיענער.
אָבער סאלטיקאָוו האט איהם מיט א האנד
בעוועגונג געוויזען צו בלייבען רוהיג.

אין איינינע מינוטען איז סאַלטיקאָוו
ווירקליך געקומען צו זיך, זיין געוועהנליכע
געזיכטספארבע האט זיך צו איהם אומגע־
קעהרט, און ער האט אויסגעוויזען עטוואס
צו איבערלייגען. דאנן איז ער פּלוצלונג
אויפגעשפרונגען און האט אויסגערופען:

— ניין, עס זאל ניט געשעהן! אזא
שענדליכע אונטערזוכונג זאל ניט געפיהרט
ווערען! איך מוז צום פּראָקוראָר, ווען איך
זאל וויסען זיך מיט איהם צו שלאָגען!

און מיט דיא ווערטער האט ער פאר־
לאזען זיין צימער און האט בעשטעלט זיין
קארעטע, וועלכע איז שפּעטער א ווײלע
אבגעפאהרען נאך דער ריכטונג פון ווער־
שא טראָגענדיג סאלטיקאָוו מיט נאַוויקאָוו.

ר' משה חיה'לעס, וועלכער האט אזוי
שטארק גענומען זיך צום הארצען דעם
שיקזאל פון אלבערט פּאַלינסקי אין דער
גאנצער צייט וואס ער איז געזעסען אין גע־
פענגניס, האט דורך דיזע גאנצע צייט
פערנאבלעסיגט אלע זיינע געשעפטען, און
דארונטער אויך דיא אינטערעסען פון ראַ־
זינסקי'ס ירושה. דיא מייסטע וועכסלען
וועלכע ראַזינסקי האט איבערגעלאָזען זײ־
נען נאך געלעגען ניט איינגעמאַהנט און
דיא געלדער וואס זיינען געלעגען אין
מזומנים זיינען געלעגען נאך ניט פערטהיילט
קוים אבער איז פּאַלינסקי בעפרייט געווארן
און דיא ערשטע פריידיגע אויפרעגונג איז
געווען פאַראיבער, האט זיך ר' משה'לע
גענומען מיט אללע ענערגיע פאר דעם
עזבון פון אהרן ראַזינסקי, אום אלעם צו
בריינגען אין אָרדנונג.

אין דער צייט וואס ביי סאַלטיקאָוו'ן
אין פּאַלאַסט איז פאָרגעקומען דער לעצ־
טער געשפּרעך מיט נאַוויקאָוו, איז ר' משה
חיה'לעס געזעסען אין הויז פון אהרן ראַ־
זינסקי און האט איבערגעלייגט און דורכ־
געזוכט אלע זיינע פּאַפּיערען איינציגווייז.
ניט ווייט פון איהם איז געזעסען מירעלע
מיט וועלכער האנד־ארבייט און רחל דיא
אלמנה האט זיך בעשעפטיגט ארום הויז.
מיט א מאָל איז ר' משה'לען אריינגעקומען
אין דער האנד א קליין שטיקעל פּאַפּיער
אויף וועלכען עס זיינען געווען אויפגעשריי־
בען אין רוסיש דיא פאָלגענדע ווערטער:
„קומט היינט אבענד מיט דיא וועכסלען.
דאס געלד איז גרייט“. אויף דעם פּאַפּיער
איז ניט געווען קיין דאטום און קיין אונ־

טערשריפט. ר׳ משה חיה׳לעס האט אייניגע אויגענבליקע בעטראכטעט דאס שטיקעל פאפיער אין העכסטער אויפרעגונג און האט געמורמעלט „ניט שוין־ישע שטאמט עס פון איהם?“ דאנן האט ער זיך געווענדעט צו מירעלע:

— זעה נור, מירעלע, וועמעס האנדשריפט קען דאס זיין?

מירעלע האט בעטראכטעט אייניגע אויגענבליקע דאס שטיקעל פאפיער און האט דאנן געענטפערט:

— דיא האנדשריפט איז מיר אונבעקאנט, אבער איך געדיינק, אז איך האב דאס שטיקעל פאפיער שוין געזעהן פריהער... ווארט, ווארט... לאזט זיך מיר דערמאהנען—און מירעלע האט זיך אויף א ווײַלע פערטראכט. פלוצלינג האט זיא אויסגערופען: אהא, איך געדיינק! א דענשציק האט עס געבראכט צום פאטער עליו השלום. איך געדיינק אפילו וויא ער האט עס מיר געגעבען איבערלייענען.

— געדיינקסטו ווען דאס איז געוועזן?

נאך אייניגע אויגענבליקע האט מירעלע געטראכט און האט דאנן געזאגט:

— איך גלויב אז דאס איז געוועזן אין דעם טאג פון זיין טוידט אדער מיט א טאג פריהער.

— וואלסטו דערקענט דעם דענשציק וועלכער האט דאס צעטעלע געבראכט.

— מיר שיינט, יא.

— דאנן מוז איך עס גלייך אוועקטראגען צום פראקוראר! קיין אויגענבליק דארף איך פערזאמען. דער מערדער האט געזאגט אין געריכט, דאס ער האט פון זיין פאטער קיינמאל קיין געלד געבארגט.

מיט דיזע ווערטער האט ר׳ משה חיה׳לעס פערלאזען דאס הויז.

אלס ער איז אריינגעלאזען געווארן צום פראקוראר אין קאבינעט האט ער דעם לעצטערן נאך געפונען ביי זיין שרייב־טיש.

— וואס ברייננט אייך צו מיר אין אזא שפעטע שטונדע?—האט דער פראקוראר געפרעגט.

— איין גליקליכען פונד, וועלכער מאכט דיא שולדיגקייט פון סאלטיקאוו אין דעם מארד פון ראזינסקי אזוי קלאר וויא דער טאג.

— איז דאס מעגליך? לאמיר זעהן.

ר׳ משה חיה׳לעס האט דערלאנגט דעם פראקוראר דאס צעטעלע.

— וואס זאל דאס בעדייטען?—האט דער פראקוראר געפרעגט.

— דאס האט א דענשציק געבראכט צו ראזינסקי אין דעם טאג ווען דער מארד איז געשעהן, און דאס איז סאלטיקאווס האנדשריפט.

— איהר האט רעכט, דאס איז זיין

האנדשריפט!—האט דער פראָקוראָר צוגעשטימט אין אויפרעגונג—ער איז פערלאָרן, ער איז פערלאָרן!..״

ביי דיזע ווערטער איז ערשיענן דער דיענער פון פראָקוראָר און האט אָנגעמעלדעט: „גראף סאלטיקאָוו״.

דער פראקוראָר און ר׳ משה חיה׳לעס זיינען ביידע געבליבען וויא פערשטיינערט פון דיזער אונערווארטעטער אנמעלדונג. אָבער נאך איינינע אויגענבליקע האט ער געענטפערט דעם דיענער: לאָז איהם אריין אין וועהרענד דער דיענער האט זיך אבגעקעהרט, האט ער אריינגעשטופט ר׳ משה חיה׳לעס אין א זייטענצימער און האט צוגעמאכט דיא טיר.

דער גראף איז ערשיענען אין פראָקוראָרס קאבינעט. ער איז געוועזן בלאס און אויפגערעגט, אבער ער האט זיך געשיינט צוריקצוהאלטען מיט אללע קרעפטען. דער פראָקוראָר איז עטוואס אונרוהיג געווארן ביי זיין אנבליק, און האט דעריבער געמאכט דיא אויפנאהמע איינע זעהר פריינדליכע, פונקט וויא עס וואלט קיין זאך ניט געשעהן.

איך בין געקומען אהער, מיין פריינד, ווייל איך האב געהערט דאס מען זוכט מיך צו ברייננען אין פערבינדונג מיט דער „דיעלאָ״ איבער דעם ערטאָרדעטען וואוכערער ראָזינסקי. ווער וואגט עס?....

— אָ, גראף,—האט דער פראָקוראָר איהם איבערגעשלאָגען — איך האָב דורכגעזעהן דיא דיעלאָ ווייל דער יוסטיץ־מיניסטער האט עס פערלאנגט, און האב קיין זאך ניט געפונען, נור א קליינער צעטעלע וועלכעס איז מיר איבערגעגעבען געווארן, שיינט מיר צו זיין אייער האנדשריפט.

— מיין האנדשריפט?!

— יא, היער איז עס.

דער פראקוראָר האט איהם דערלאנגט דאס צעטעלע וואס ר׳ משה חיה׳לעס האט איהם געבראכט, און האט בעאָבאכטעט סאלטיקאָווס געזיכט. דיזער איז געוועזן ערד־קאָליר, האט אנגעהויבען צו ציטערן אם גאנצען קערפער. דאנן האט ער צוזאמענגעדריקט דאָס צעטעלע אין פויסט, איז אויפגעשפרונגען פונקט וויא א געביסענער פון א שלאנג, און וויא א וואהנזיניגער האט ער זיך א וואָרף געטהון פון פראָקוראָרס קאבינעט צום אויסגאנג מיט א פלוך אויף דיא ליפען.

גלייכצייטיג איז ר׳ משה חיה׳לעס ארויס פון זיין בעהעלטעניס און דער פראָקוראָר האט געקלינגעלט. דער דיענער איז ערשיענען.

אין איילעניס האט ער אויפגעשריבען

איינינע ווערטער מיט א בלייששיפט אויף א פאפיער, האט עס אריינגעלייגט אין א קאָנווערט און דערלאנגט דעם דיענער:

— שנעל, גיעב עס דעם פאליציי־מייסטער!" און זיך ווענדענדיג צו ר' משה חיה'לעס האט ער אויסגערופען:

— מיר געהן נאך איהם! דאס בעסטע בעווייז־שטיק פון דער דיעלאָ איז ביי איהם אין האנד! מיין וואגען!

סאלטיקאָוו האָט זיך ארויפגעכאפט אויף זיין פערד וועלכעס איז געשטאנען דרויסען געהאלטען פון זיין דיענער צו פערד, און איז אוועקגעשפרונגען. איינינע מינוטען שפעטער האט דיא קארעטע פון פראָקוראָר פארלאָזען דעמועלבינגען פלאטץ אין גאלאָפ, און אין דער זעלבינער ריכטונג.

נאך אונגעפעהר א האלבע שטונדע איז דיא קארעטע ארויסגעפאהרען פון נאָווי־סוויאט אויף דאס לאנד, און אין דער שטילקייט פון דער נאכט האבען זיך געלאָזט הערען פון וויטען דיא קלעפ פון דיא פאָדקאווען פון דיא פערד פון סאלטיקאָוון מיט זיין דיענער. דאס האט אנגעזאָגט דעם פראָקוראָר דאס זיי זיינען ניט וויט פון דעם אנטלאָפענעם.

אלס דיא קארעטע איז אריין אין וועלדיל אין וועלכען ראזינסקי איז ערמאָרדעט געוואָרן, איז דער פראָקוראָר פערוואונדערט געוואָרן צו בעמערקען, דאס דער טריט פון סאלטיקאָווס פערד איז פלוצלינג ענטשוויגען געוואָרן. ער און זיין קוטשער האבען אָנגעשטרענגט זייער בליק, אבער אין דער דונקעלהייט פון דער נאכט האבען זיי גאר נית געזעהן

מיט א מאָל האט עס געגעבען א שוס, א געשריי, און א שטימע האט אויסגערופען:

— אָ, בארין, וואס האט איהר געטהון!

דעם פראָקוראָרס קארעטע איז געבליבען שטעהן.ביידע פאסאזשירען זיינען גלייך אויסגעשטיעגען און דער קוטשער האט ארונטערגענומען א לאנטערנע פון דער קארעטע און האט בעלויכטען דעם פלאטץ ארום. סאלטיקאָווס פערד און דאס פערד פון זיין דיענער זיינען ביידע געשטאנען ביין וועג, וועהרענד אן דער זייט איז געלעגען סאלטיקאָוו אויסגעצויגען אין א טייך בלוט וואס איז ארויסגעלאָפען פון א שרעקליכע וואונדע אין דער רעכטער שלייף, און איבער איהם איז געשטאנען זיין דיענער און האט געמורמעלט:

— אָ, בארין, וואס האט איהר געטהון, וואס האט איהר געטהון?

דער רעוואָלווער אין האנד פון סאלטיקאָוו וואס האט נאך גערויכערט האט

געוויזען דאס ער איז בעגאנגען זעלבסט־מארד. אין דער לינקער האנד האט סאל־טיקאוו נאך געהאלטען קראמפפהאפט צו־זאמענגעדריקט דאס צעטעלע וואס האט בעוויזען זיינע שולד.

בעטראכטענדיג דעם פלאטץ א ביסעל גענויער האט ר׳ משה חיה׳לעס ענטדעקט דאס סאלטיקאוו איז געפאללען הארט ביי דעם בוים וואו זיין אפפער ראזינסקי איז ערמארדעט געווארען, דען גאר דערביי האט זיך געזעהן א נייע ברעטעל מיט דעם אויפ־שריפט:

פה נפל חלל
ביד איש דמים
הקדוש
ר׳ אהרן בר׳ משה
ראזינסקי
ת נ צ ב ״ ה

נאכדעם וויא סאלטיקאוו האט גע־האט ־ רונטערגעריסען דאס אלטע ברעטעל, האבען דיא אידען מיט דער ערלויבנים פון דעם וואלד־אייגענטהימער דעם פוילישען גראף סעקא, ארויפגעשלאגען דיזע נייע ברעטיל.

דיזער אומשטאנד האט שטארק ערגרי־פען ר׳ משה חיה׳לעס, און ער האט גע־מורמעלט: „בלוט שווייגט ניט! בלוט שווייגט ניט!“

א פערטיל שטונדע שפעטער זיינע אנגעקומען דער פאליציימייסטער מיט בע־גלייטונג און דער דאפראס האט זיך אנ־געפאנגען אויף דער שטעללע.

10.

נאך דעם פרייען לאנד.

ווידער איז געקומען א פריהלינג, א צייט פון האפפען און פון לעבען.

הערליך האט זיך אפגעשפיגעלט דיא זונן אין דיא שוימענדע וועללען אין דעם זאליוו פון סאנט לאורענס אלס א דאמפף־שיף פון דער אלאן קאמפאניע איז אריינ־געקומען אין „גאלף“. צופרידען און איינ־לאדענד האבען געבליקט דיא געבירגיגע קאנאדישע ברעגעס פון ביידע זייטען אלס דאס שיף איז מיט אלע זעגלען אויסגע־שפרייט געפלויגען שנעלל פארן ווינד.

דאס שיף איז געוועזן שווער בעלאדען, דען עס האט געטראגען אויף זיך כמעט טויזענד זעעלען—אללע אונגליקליכע רוס־סישע אידען וואס זיינען אוועק פון דער רוסישער טיראניי, צו זוכען א היים אין א לאנד פון פרייהייט.

אויפען דעק איז א קליינע גרופע פון דריי פערזאנען געשטאנען בעזונדער ביים פארענץ פון שיף, האלטענדיג זייערע אוי־גען געריכטעט צום ברעג. דיא גרופע איז

בעשטאנען פון איין אלטען גרייז־גרויען מאנן, פון א יונגער מיידעל אין דער ער־שטער בליטהע פון איהר ווייבליכקייט און א יונגער מאן פון א יאהר 28 מיט א זעהר אינטעליגענטען און מעלאנכאלישען געזיכט. דער יונגער מאן האט וויא עס האט אויסגעוויזען געהאלטען אין מיטען א געשפרעך וועלכען ער האט געפיהרט ערנסט און מיט ווארמקייט:

מינדעסטענס וועלען מיר דא זיין אין א לאנד וואו געריכטיגקייט דארף ניט גע־בעטעלט ווערען פון א הערשער, פון א דעספאט, און אונזער לעבען מיט אונזער גליק הייגנען ניט אב פון קאפריזען פון אנדערע.

— מיר איז גאנץ גלייך וואו איך בין —האט געענטפערט דיא יונגע מיידעל, אין וועלכער דער לעזער דערקענט זעלבסט־פערשטענדליך מירעלען—דענן איך בין דיין שאטען....

— ניין, מיין ליכט.

דיא אויגען פון אלבערט פאלינסקי האבען צארט געקוקט אויף דיא שיינע ווייבליכע געשטאלט, וועהרענד א זיסע צאר־טע רויטקייט האט בעדעקט איהר געזיכט וואס איז געווען אביסעל אבגעצעהרט דורך דיא רייזע.

— איך בין גליקליך, מיינע קינדער, צו הערען וויא איהר רעדט פון דער צוקונפט —האט ר׳ משה חיה׳לעס געזאגט אננעה־מענדיג ביידע יונגע לייטע פאר דיא הענד; איהר, מיינע קינדער, לעבט אין דער צו־קונפט, אבער אזעלכע פארשוינען וויא איך בין, לעבען אין דער פערגאנגענהייט. עס איז מיר שווער זיך אבצורייסען פון דיא אלטע קברים וואו עס ליעגען דיא טהייערע קנאבען. איך וויל זעהן וויא איהר בויט זיך אויס אייער גליקליכעס היים, און דאנן געה איך צוריק.

דיא יונגע לייטע האבען געדריקט זיינע הענד מיט קינדליכער צערטליכקייט.

דאס שיף האט געלאזט הערן א לאנ־גען פייף און איז אייניגע מינוטען דאראוף געבליעבען שטעהן אין האפען וואס האט געהוושעט פון מענשען און פון בעלעבהייט.

— ענדליך!—האבען אללע דריי אויס־געררופען צוזאמען.

ענדליך!

ע נ ד ע.

דער טעגליכער
„יודישער קוריער"

ערשיינט יעדען מארגען,

אויסער שבת און יום טוב, ענטהאלט דיא לעצטע טאגעס נייעס, ערצעהלונגען, ראמאנען און פאעזיע, פון דיא בעסטע שרייבער אין אמעריקא.

זאנטאג 6 זייטען.

סובסקריפשען פרייז:

4 דאללאר א יאהר, 2 דאללאר פיר 6 מאנאט.

פריי פערשיקט דורך פאסט אין גאנץ אמעריקא.

אדרעסירט:

THE DAILY JEWISH COURIER,

473 S. HALSTED ST. CHICAGO, ILL.

דיא שיקאגא'ער

„וואכענבלאטט“

א בלאט
פיר יידישע אינטערעסטען
אלגעמיינע נייאיגקייטען
אונד אונטערהאלטונג.

דיא בעסטע יידישע צייטונג פון וועסטען רעדיגירט און געשריעבען
פון דיא בעסטע יידישע זשורנאליסטען אין אמעריקא.

ערשיינט וואכענטליך יעדען דאנערשטאג
אין 12 זייטען

פרייז $1.50 א יאהר,
אדער 75 סענט פיר 6 מאנאט.

אדרעסירט:

THE CHICAGO WEEKLY

473 S. HALSTED ST. - CHICAGO, ILL.

VOL 3. NO. 3.

THE Jewish Quarterly Magazine

DEVOTED TO

Jewish Interests, Novels, Humor, Etc.

CHICAGO.

The Daily Jewish Courier Press,

473 S. Halsted St.

Price, 10 Cts. a Number.

Entered at the P. O. of Chicago, Ill. as second class matter.

LBAp'16